STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08015

YIDISHE KINDER ALEF

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף מלאַטעק

ייִדישע קינדער א



אַרויסגעגעבן פֿון

בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג

JEWISH CHILDREN

by J. Mlotek

Copyright 1959
by the
Educational Department
of the
Workmen's Circle
New York, N. Y.

Illustrated by Ayelah Gordon

Printing by
ROSKIN PHOTO OFFSET CORP.

Printed in U.S.A.

די קינדער

די קינדער גייען.

די קינדער גייען אין שול.

מאָטעלע גייט אין שול.

גיטעלע גייט אין שול.

מאָטעלע און גיטעלע
גייען אין שול.

מאַטעלע קומט אין שול.
גיטעלע קומט אין שול.
די קינדער קומען אין שול.
— גוט־מאָרגן, לערער!
— גוט־מאָרגן, קינדער!
— גוט־מאָרגן,
גוט־מאָרגן!

מאָטעלע קומט אין שול און זאָגט:
— גוט־מאָרגן, לערער!
גיטעלע קומט אין שול און זאָגט:
— גוט־מאָרגן, לערער!
אַלע קינדער קומען אין שול
און זאָגן: — גוט־מאָרגן, לערער!
דער לערער זאָגט:
— גוט־מאָרגן, קינדער! גוט־מאָרגן!



דער לערער זינגט:

גוט־מאָרגן, אײַך!
גוט־מאָרגן, אײַך!
גוט־מאָרגן אַלעמען!
גוט־מאָרגן, אײַך!

גוט־מאָרגן!
גוט־מאָרגן!
גוט־מאָרגן אַלעמען!
גוט־מאָרגן!
גוט־מאָרגן!
גוט־מאָרגן אַלעמען!

גוט־מאָרגן, אײַך!
גוט־מאָרגן, אײַך!
גוט־מאָרגן אַלעמען!
גוט־מאָרגן, אײַך!

די קינדער זינגען דאָס ליד.
אַלע, אַלע זינגען דאָס ליד.

אַלע זינגען אַ ייִדיש ליד

דער לערער זאָגט:
— דאָס איז אַ ייִדישע שול.
לאָמיר זינגען אַ ייִדיש ליד.
דער לערער זינגט:

לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
זינגען אַ ייִדיש ליד,
אַ ייִדיש ליד, אַ ייִדיש ליד.
לאָמיר זינגען אַ ייִדיש ליד.

דער לערער זאָגט:
— לאָמיר אַלע זינגען דאָס ליד.
אַלע, אַלע זינגען:

לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר
זינגען אַ ייִדיש ליד,
אַ ייִדיש ליד, אַ ייִדיש ליד.
לאָמיר זינגען אַ ייִדיש ליד.



מאַטעלע זאָגט:
– לערער, איך קען אַ ייִדיש ליד.
דער לערער זאָגט:
– זינג דאָס ליד, מאַטעלע.
מאַטעלע זינגט:

איך בין, איך בין, איך בין
אַ ייִדיש קינד,
איך זינג, איך זינג, איך זינג
אַ ייִדיש ליד.
איך בין אַ ייִדיש קינד,
איך זינג אַ ייִדיש ליד,
איך זינג, איך זינג, איך זינג
אַ ייִדיש ליד.





די קינדער לייענען

דער לערער זאָגט:
— קינדער, איר זינגט גוט.
אַלע קינדער זינגען גוט.
לאָמיר לייענען.
מאָטעלע לייענט,
גיטעלע לייענט,
די קינדער לייענען.
דער לערער זאָגט:
— קינדער, איר לייענט גוט.
קינדער, איר לערנט גוט.
די קינדער לערנען אין שול.
די קינדער לערנען
אין דער ייִדישער שול.
די קינדער לערנען ייִדיש.

זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל!

מאָטעלע זאָגט:
— גיטעלע, איך לײען גוט!
גיטעלע זאָגט:
— איך לײען זײער גוט.
זאָגט דער לערער:
— זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל.

זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל.
זאָל זײַן, זאָל זײַן,
זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל!
זאָל זײַן, זאָל זײַן,
זאָל זײַן, זאָל זײַן,
זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל!

לאָמיר זינגען
אַ פֿריילעך ליד

עס איז שטיל.
גיטעלע זאָגט:
— לערער, איך האָב ליב
אַ פֿריילעך ליד.
און מאָטעלע זאָגט:
— לאָמיר זינגען אַ פֿריילעך ליד.
אַלע קינדער זאָגן:
— לערער, לאָמיר זינגען
אַ פֿריילעך ליד.
זאָגט דער לערער:
— ווער קען זינגען אַ פֿריילעך ליד?
— איך קען, איך קען! — זאָגט גיטעלע.
— איך קען, איך קען!—
זאָגט מאָטעלע.
זאָגט דער לערער:
— גוט, קינדער, לאָמיר זינגען
אַ פֿריילעך ליד.

איך האָב ליב צו זינגען

גיטעלע זינגט:

איך האָב ליב,
איך האָב ליב,
איך האָב ליב צו זינגען;

איך האָב ליב,
איך האָב ליב
צו טאַנצן און צו שפּרינגען.

לאַ־לאַ־לאַ — איך האָב ליב צו זינגען.

און מאָטעלע זינגט:

איך האָב ליב,
איך האָב ליב,
איך האָב ליב צו לאַכן,

איך האָב ליב,
איך האָב ליב
קינדער פֿריילעך מאַכן.

כאַ־כאַ־כאַ
איך האָב ליב צו לאַכן.

אַ גוט־טאָג, לערער

דער לערער זאָגט:

— קינדער, גייט אַהיים.

נעמט די בּיכער און גייט אַהיים.

גייט אַהיים און קומט מאָרגן ווידער.

קומט מאָרגן ווידער אין דער
ייִדישער שול.

קומט לערנען ייִדיש.

קומט לייענען ייִדיש,

קומט זינגען אַ ייִדיש ליד.

די קינדער גייען אַהיים.

— אַ גוט־טאָג, קינדער! —
זאָגט דער לערער.

— אַ גוט־טאָג, לערער! —
זאָגן די קינדער.

— אַ גוט־טאָג! אַ גוט־טאָג!

איר זײַט גוטע ייִדישע קינדער

מאָטעלע און גיטעלע גייען אַהיים.
זיי קומען אַהיים און זאָגן:
— גוטן־אָוונט, מאַמע, גוטן־אָוונט!
מאָטעלע זאָגט:
— זע, מאַמע, איך האָב אַ ייִדיש בוך.
איך קען לייענען ייִדיש.
גיטעלע זאָגט:
— זע, מאַמע, זע דאָס בוך.
איך קען לייענען ייִדיש.
מאָטעלע לייענט פֿון בוך.
גיטעלע לייענט פֿון בוך.
זאָגט די מאַמע:
— זייער גוט, קינדער.
איר זײַט גוטע ייִדישע קינדער.

איך האָב ליב די ייִדישע שול

גיטעלע זאָגט:
— מאַמע, איך האָב ליב די ייִדישע שול.
מאָטעלע זאָגט:
— מאַמע, איך האָב זייער ליב די ייִדישע שול.
דער לערער לערנט אונדז ריידן ייִדיש.
דער לערער לערנט אונדז לייענען.
דער לערער לערנט אונדז זינגען לידער.
זאָגט די מאַמע:
— לאָמיר הערן אַ ייִדיש ליד.
זינגט, קינדער, אַ ליד פֿון דער שול.
די קינדער זינגען די לידער פֿון דער שול.

לאָמיר גיין טאַנצן

די מאַמע זאָגט: — איך קען אויך אַ ייִדיש ליד.
דאָס איז אַ ליד פֿון אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע.
— לאָמיר הערן, לאָמיר הערן! —
זאָגן די קינדער.
און די מאַמע זינגט:

אַ ייִנגעלע,
אַ מיידעלע,
אַ מיידעלע,
אַ ייִנגעלע, —
לאָמיר אַלע גיין טאַנצן.

אַ מיידעלע,
אַ ייִנגעלע,
אַ ייִנגעלע,
אַ מיידעלע, —
לאָמיר אַלע גיין טאַנצן!

לאָמיר אַלע טאַנצן גיין,
די מאַמע אַליין גייט אויך טאַנצן,
לאָמיר אַלע טאַנצן גיין,
די מאַמע אַליין גייט אויך טאַנצן.

די קינדער און די מאַמע זינגען דאָס ליד
און זיי טאַנצן.

די קינדער שרײַבן



דער לערער זאָגט:
— זאָל זײַן אַ ביסעלע שטיל.
קינדער, זיצט שטיל.
קינדער, לאָמיר שרײַבן.
די קינדער נעמען די העפטן.
זיי שרײַבן אין די העפטן.
גיטעלע שרײַבט אין העפט.
מאַטעלע שרײַבט ניט.
זאָגט דער לערער:
— שרײַב, מאַטעלע, שרײַב אין העפט.
זאָגט מאַטעלע:
— לערער, איך האָב ניט קיין העפט.
דער לערער גיט מאַטעלען אַ העפט.
אַלע קינדער שרײַבן,
די קינדער שרײַבן ייִדיש.

אַ ביסל און אַ ביסל
ווערט אַ פֿולע שיסל

אַלע קינדער שרײַבן.
דער לערער שרײַבט אַ ליד אויפֿן טאָוול.
די קינדער שרײַבן דאָס ליד אין די העפֿטן.
דער לערער זאָגט:
— זייער גוט, קינדער.
איר קענט שוין אַ ביסל שרײַבן,
איר קענט שוין אַ ביסל לייענען,
איר קענט שוין אַ ביסל ריידן,
און איר קענט שוין זינגען ייִדישע לידער.
אַ ביסל און אַ ביסל,
ווערט אַ פֿולע שיסל.
די קינדער שרײַבן אין די העפֿטן:
אַ ביסל און אַ ביסל,
ווערט אַ פֿולע שיסל.

קומט אַלע אין שול

איך בין
אַ ייִדיש ייִנגעלע

אַ ייִנגעלע שטייט אויף און זאָגט:
– לערער, איך קען אויך אַ שיין ייִדיש ליד.
דאָס איז אַ ליד פֿון אַ ייִדיש ייִנגעלע.
זאָגט דער לערער: – גוט, לאָמיר הערן דאָס ליד.
דאָס ייִנגעלע זינגט:

איך בין, איך בין, איך בין
אַ ייִדיש ייִנגעלע,
איך זינג, איך זינג, איך זינג
אַ ייִדיש לידעלע.

איך גיי, איך גיי, איך גיי
אין דער שול אַליין.
איך לערן, לערן, לערן
ייִדיש צו פֿאַרשטיין.

דער לערער זאָגט:
– עס איז אַ שיין ליד, קינדער.
די קינדער לערנען דאָס ליד
„איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע״.

פֿון איינס ביז צען

דער לערער פֿרעגט:
— קינדער, ווער קען ציילן?
ווער קען ציילן פֿון איינס ביז צען?
מאַטעלע שטייט אויף און זאָגט:
— איך קען ציילן פֿון איינס ביז צען אויף ייִדיש.
און גיטעלע זאָגט:
— איך קען אויך ציילן פֿון איינס ביז צען
אויף ייִדיש.
זאָגן די קינדער: — לאָמיר הערן, לערער,
לאָמיר הערן ציילן פֿון איינס ביז צען אויף
ייִדיש!
מאַטעלע ציילט פֿון איינס ביז צען.
גיטעלע ציילט פֿון איינס ביז צען.
מאַטעלע ציילט גוט און גיטעלע ציילט גוט.
אַלע קינדער ציילן פֿון איינס ביז צען אויף
ייִדיש.



לאָמיר ציילן און זינגען

איינס און איינס,
איינס און איינס,
איינס און איינס איז צוויי,
קינדער קומט,
גיכער קומט,
אַלע אין אַ ריי.

צוויי און צוויי,
צוויי און צוויי,
צוויי און צוויי איז פֿיר,
קינדער קומט,
גיכער קומט,
קינדער, קומט צו מיר.

דער טאַטע, די מאַמע און איך

זעקס פֿיס גייען,
גייען אין אַ ריי,
זעקס פֿיס גייען,
צוויי און צוויי און צוויי.

אָט גייען זיי שטיל,
אָט גייען זיי גיך,
דאָס גייט מײַן טאַטע,
מײַן מאַמע און איך.

זיבן גוטע ברידער



דער לערער לערנט די קינדער די טעג
פֿון דער וואָך.
דער לערער פֿרעגט:
— וואָס איז דאָס?

זיבן, זיבן זײַנען מיר,
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גייען מיר
און מיר קומען ווידער.

די קינדער זאָגן:

— דאָס זײַנען זיבן טעג,
זיי גייען און זיי קומען ווידער,
זיבן,זיבן זײַנען זיי,
זיבן גוטע ברידער.

דער טאַטע אַרבעט פֿינף טעג

מאַטעלע זאָגט:
– לערער, מײַן טאַטע אַרבעט פֿינף טעג.
פֿינף טעג פֿון דער וואָך אַרבעט ער און צוויי
טעג אַרבעט ער ניט.
און גיטעלע זאָגט:
– יאָ, לערער, צוויי טעג איז דער טאַטע
אין דער היים, צוויי טעג אַרבעט ער ניט.
פֿרעגט דער לערער:
– מאַטעלע, גיטעלע, וואָס טוט אײַער
טאַטע?
מאַטעלע זאָגט:
– ער איז אַ לערער.
און גיטעלע זאָגט:
– ער לערנט קינדער אין אַ שול.
שטייט אויף אַ יִנגעלע, לייבעלע, און
זאָגט:
– און מײַן טאַטע איז אַ שנײַדער.
ער אַרבעט אויך פֿינף טעג.
– מײַן טאַטע איז אויך אַ שנײַדער, –
זאָגט עטעלע.
דער לערער שרײַבט אויפֿן טאָוול:
מאַטעלעס און גיטעלעס טאַטע איז אַ
לערער.
לייבעלעס טאַטע איז אַ שנײַדער.
עטעלעס טאַטע איז אַ שנײַדער.

וואָס טוט אַ שנײַדער?

דער לערער פֿרעגט:
— קינדער, וואָס טוט אַ שנײַדער?
לײבעלע שטײט אויף און זאָגט:
— אַ שנײַדער נײט קלײדער.
און עטעלע זאָגט: — יאָ, אַ שנײַדער נײט קלײדער.
דער לערער פֿרעגט:
— מיט וואָס נײט אַ שנײַדער?
שטײט אויף אַ ייִנגעלע און זאָגט:
— אַ שנײַדער נײט מיט די הענט.
אַלע קינדער לאַכן.
דער לערער לאַכט אויך, ער לאַכט און זאָגט:
— אַז אַ שנײַדער נײט, וואָס האָט ער אין די הענט?
לײבעלע שטײט אויף און זאָגט:
— אַ שנײַדער נײט מיט אַ נאָדל און אַ פֿאָדעם.



צוויי לידער פֿון אַ שנײַדער

דער לערער לערנט די קינדער אַ ליד פֿון אַ שנײַדער.
ער שרײַבט דאָס ליד אויפֿן טאָוול און ער זינגט.
ער זינגט אַזוי:

אָט אַזוי נייט אַ שנײַדער,
אָט אַזוי נייט ער דאָך,
מיט אַ נאָדל און אַ פֿאָדעם
נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך.

די קינדער זינגען דאָס ליד און זיי שרײַבן עס אין די העפֿטן.
לייבעלע שרײַבט נישט.
זאָגט דער לערער:
— לייבעלע, שרײַב אויך דאָס ליד.
זאָגט לייבעלע:
— לערער, איך קען אַן אַנדער ליד פֿון אַ שנײַדער.
זאָגט דער לערער:
— לאָמיר הערן, לייבעלע.
און לייבעלע זינגט:

שנײַדער, שנײַדער אַרבעט שווער,
מיט אַ נאָדל, מיט אַ שער,
מיט אַ פֿאָדעם ביז בײַנאַכט,
ביז ער האָט אַ קלייד געמאַכט.

דער לערער זאָגט: — עס איז אַ שיין ליד,
לייבעלע, לאָמיר אויך לערנען דאָס ליד.

זאָלן זײַן געזונט די הענט

דער לערער זאָגט:
— קינדער, לאָמיר לערנען אַ ליד פֿון אַרבעט:

אַרבעט, אַרבעט,
אַרבעט גוט!
ווער עס אַרבעט,
דעם איז גוט!

שטולן, טישן,
קליידער, שיך
דאַרפֿן האָבן
דו און איך.

שטולן, טישן,
הײַזער, ווענט,
זאָלן זײַן
געזונט די הענט!

מאָרגן איז שבת

דער לערער שרײַבט אויפֿן טאָוול:



שבת קומען ניט די קינדער אין שול.
גיטעלע זאָגט:
— איך האָב ליב שבת.
שבת קען איך שלאָפֿן לענגער.
אַלע קינדער לאַכן. דער לערער זאָגט:
— יאָ, מאָרגן קענען די קינדער שלאָפֿן לענגער.
זאָגט מאָטעלע:
— אַז די מאַמע לאָזט.
די קינדער לאַכן און דער לערער לאַכט.
דער לערער לערנט די קינדער אַ ליד פֿון שבת.

אַ מעשׂה פֿון שבת

מאַטעלע זאָגט:
– לערער, דערציילט אונדז אַ מעשׂה פֿון שבת.

זאָגן די קינדער:
– יאָ, יאָ, אַ מעשׂה פֿון שבת!
דער לערער זאָגט:
– זיצט, קינדער, שטיל, איך דערצייל אײַך אַ מעשׂה פֿון שבת.
הערט, קינדער.
און דער לערער דערציילט אַ מעשׂה.
די קינדער זיצן שטיל און הערן.
מאַטעלע און גיטעלע זאָגן:
– לערער, עס איז אַ שיינע מעשׂה.
די קינדער גייען אַהיים.
זיי זאָגן: – אַ גוטן־שבת, לערער.

פֿייגעלע האָט אַ נײַ קלײדעלע

מאָטעלע און גיטעלע קומען אַהיים.

– זע, פֿייגעלע האָט אַ נײַ קלײדעלע – זאָגט גיטעלע.

– יאָ, אונדזער שוועסטערל פֿייגעלע האָט אַ נײַ קלײדעלע – זאָגט מאָטעלע.

– דאָס איז אַ נײַ קלײדעלע אויף שבת – זאָגט די מאַמע,

זאָל דאָס קלײדעלע זײַן ריין.

פֿייגעלע זאָגט:

– דאָס קלײדעלע איז שיין,

דאָס קלײדעלע איז ריין.

דער טאַטע קומט אַהיים. ער נעמט פֿייגעלען אויף די הענט.

די מאַמע זאָגט:

– קומט צום טיש.

די גאַנצע משפּחה גייט צום טיש.

שבת אויף דער וועלט

די גאַנצע משפּחה זיצט בײַם טיש. פֿייגעלע
זיצט אויך.
הײַנט גייט זי שלאָפֿן שפּעט.
די מאַמע גיט אַלעמען עסן.
אַלע עסן חלה,
אַלע עסן פֿיש.
דער טאַטע פֿרעגט:
– ווער קען זינגען אַ שבת־ליד?
מאַטעלע און גיטעלע זאָגן:
– מיר קענען אַ שיין ליד פֿון שבת.
זיי זינגען:

שבת, שבת,
זאָל זײַן, זאָל זײַן שבת!
שבת, שבת,
זאָל זײַן, זאָל זײַן,
זאָל זײַן שבת!

דער טאַטע זאָגט:
– איך קען אַן אַנדער ליד פֿון שבת.
דער טאַטע זינגט:

שבת, שבת, שבת,
זאָל זײַן שבת.
שבת, שבת, שבת,
זאָל זײַן שבת,
שבת, שבת, שבת,
זאָל זײַן שבת,
שבת, שבת, שבת
אויף דער וועלט!

דער זיידע און די באָבע קומען

עס איז שבת אין דער פֿרי. די קינדער שלאָפֿן.
זיי גייען הײַנט ניט אין שול, שלאָפֿן זיי.
די מאַמע לאָזט ניט שלאָפֿן. זי זאָגט:
— שטייט אויף, קינדער, עס איז שוין שפּעט.
די קינדער הערן ניט. זיי שלאָפֿן.
זאָגט די מאַמע ווידער:
— עס איז שוין צען אַ זייגער. שטייט אויף!
די קינדער שלאָפֿן. זיי הערן ניט.
זאָגט די מאַמע:
— שטייט אויף, קינדער! שטייט אויף גיכער,
דער זיידע קומט! די באָבע קומט!
די קינדער שטייען אויף גיך. זיי טאַנצן,
זיי שפּרינגען.
און זיי זינגען:

די באָבע קומט, דער זיידע קומט!
די באָבע און דער זיידע.
אַלע שבת אין דער פֿרי
קומען צו אונדז ביידע.

וואָס מאַכסטו, זיידע?
וואָס מאַכסטו, באָבע?

דער זיידע און די באָבע קומען.
די קינדער זײַנען פֿריילעך.
זיי האָבן ליב דעם זיידן, זיי האָבן
ליב די באָבע.
מאָטעלע פֿרעגט:
— וואָס מאַכסטו, זיידע?
און גיטעלע פֿרעגט:
— וואָס מאַכסטו, באָבע?
דער זיידע נעמט פֿייגעלען אויף די הענט
און ער זאָגט:
— גוט, קינדער, אַ דאַנק.
און די באָבע זאָגט:
— איך האָב פֿאַר אײַך גוטע זאַכן, קינדער.
זאָגן די קינדער:
— אַ דאַנק, באָבע, אַ דאַנק!
דער זיידע שפּילט זיך מיט די קינדער.
נאָך דעם זאָגט דער זיידע:
— לאָמיר הערן וואָס איר לערנט אין דער
ייִדישער שול.
— גוט. — זאָגן מאָטעלע און גיטעלע.
זיי לייענען פֿון בוך און זיי זינגען לידער.

לאָמיר דעם זיידן באַגריסן

די קינדער זינגען אַ ליד פֿאַר דעם זיידן און פֿאַר דער באָבען:

לאָמיר דעם זיידן באַגריסן,
לאָמיר די באָבע באַגריסן.
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר זיי בײדן באַגריסן.

דער זיידע שמייכלט.
די באָבע שמייכלט און זי זינגט:

לאָמיר די קינדער באַגריסן,
לאָמיר די קינדער באַגריסן.
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר די קינדער באַגריסן.

די קינדער זינגען. אַלע זײַנען פֿריילעך.
פֿייגעלע זאָגט:
— לאָמיר עסן די גוטע זאַכן!
די באָבע גיט די קינדער די גוטע זאַכן.
זיי זאָגן:
— עס איז זייער גוט, באָבע, אַ דאַנק, אַ דאַנק!

מאָרגן איז חנוכּה

דער ווידע פֿרעגט:
– קינדער, וואָס איז מאָרגן?
פֿייגעלע שרײַט אויס:
– מאָרגן איז זונטיק.
זאָגט מאָטעלע:
– מאָרגן איז זונטיק און מאָרגן איז חנוכּה!
– וויפֿל טעג איז חנוכּה? – פֿרעגט דער ווידע.
שרײַט אויס גיטעלע:
– חנוכּה איז אַכט טעג!
און מאָטעלע זאָגט:
– מיר לערנען אין שול די מעשׂה פֿון חנוכּה.
דער לערער האָט אונדז דערציילט די מעשׂה.
און גיטעלע זאָגט:
– מיר קענען די מעשׂה פֿון חנוכּה און מיר קענען זינגען אַ חנוכּה־ליד.
– זינגט, קינדער, דאָס חנוכּה־ליד – זאָגט די באָבע. די קינדער זינגען.



איך בין אַ קלײנער דרײדל

מאַטעלע, גיטעלע און פֿײגעלע זינגען:

איך בין אַ קלײנער דרײדל,
געמאַכט בין איך פֿון בלײַ,
לאָמיר אַלע שפּילן
אין דרײדל אײנס, צװײ, דרײַ.

דרײדל, דרײדל, דרײדל,
געמאַכט בין איך פֿון בלײַ,
לאָמיר אַלע טאַנצן
אַ דרײדל, אײנס, צװײ, דרײַ.

די קינדער זינגען דאָס ליד.
זײ נעמען זיך פֿאַר די הענט
און זײ טאַנצן.
זײ טאַנצן אַ דרײדל־טאַנץ.
אַלע זײַנען פֿרײלעך.
דער זײדע זאָגט: — קינדער, איר האָט אַ גוטן לערער.
און די באָבע זאָגט:
— גוטע קינדער האָבן אַלע מאָל אַ גוטן לערער.
דער טאַטע זאָגט:
— װען באָבע־זײדע זײַנען דאָ, זײַנען די קינדער אַלע מאָל גוט.
אַלע לאַכן.
די מאַמע קומט אַרײַן און זי זאָגט:
— לאָמיר אַלע גײן עסן. דאָס עסן איז אױפֿן טיש.

דער ערשטער טאָג חנוכּה

עס איז זונטיק.
הײַנט איז דער ערשטער טאָג חנוכּה.
גיטעלע מאַכט אַליין אַ ליד פֿון חנוכּה.
זי זאָגט:

הײַנט איז חנוכּה
אויף דער וועלט,
לאָמיר גיין
נאָך חנוכּה־געלט.

פֿייגעלע שרײַט:
–לאָמיר גיין! לאָמיר גיין נאָך חנוכּה־געלט!
די גאַנצע משפּחה גייט צו דער באָבען און זיידן.
דער זיידע עפֿנט די טיר און זאָגט:
– גוט־יום־טובֿ, קינדער!
די קינדער ענטפֿערן:
– גוט־יום־טובֿ, זיידע!
– גוט־יום־טובֿ, באָבע!
דער זיידע צינדט אָן די חנוכּה־ליכט.
זאָגט דער טאַטע:
– לאָמיר אַלע זינגען חנוכּה־לידער.
די גאַנצע משפּחה זינגט חנוכּה־לידער.

די באָבע האָט געמאַכט לאַטקעס

אין הויז איז וואַרעם. אין הויז איז גוט.
עס איז יום־טובֿ. זאָגט די באָבע:
– איך האָב געמאַכט לאַטקעס.
שרייַען די קינדער:
– לאָמיר עסן לאַטקעס!
פֿייגעלע שרייַט:
– איך וויל צען לאַטקעס!
אַלע לאַכן.
גיטעלע זאָגט:
– אַ קליין מיידעלע קען ניט עסן קיין צען לאַטקעס.
זאָגט די באָבע:
– עסט, קינדער, עסט געזונט, עסט וויפֿל איר קענט.
די גאַנצע משפּחה עסט די לאַטקעס.
די קינדער זאָגן:
– באָבע, די לאַטקעס זייַנען גוט.
– אַ דאַנק, אַ דאַנק!

דער זיידע גיט חנוכּה־געלט

גיטעלע זאָגט:

— זיידע, איך האָב אַליין געמאַכט אַ חנוכּה־
ליד.

— אַליין געמאַכט? — פֿרעגט דער זיידע.

— יאָ, — ענטפֿערט גיטעלע,

אַליין געמאַכט אַזאַ ליד:

הײַנט איז חנוכּה אויף דער וועלט,
לאָמיר גיין נאָך חנוכּה־געלט.

דער זיידע שמייכלט און זאָגט:

— יאָ, יאָ, הײַנט באַקומט איר חנוכּה־געלט.
אַלע קינדער באַקומען הײַנט חנוכּה־געלט.
דער זיידע גיט גיטעלען חנוכּה־געלט,
דער זיידע גיט מאָטעלען חנוכּה־געלט.

פֿייגעלע שרײַט:

— מיר אויך! מיר אויך, זיידע!

דער זיידע נעמט פֿייגעלען אויף די הענט און
ער זאָגט:

— נאַ דיר חנוכּה־געלט, מײַן טײַער מיידעלע.
אַלע זײַנען פֿריילעך.
עס איז יום־טובֿ אין הויז.

דער חנוכּה־יום־טובֿ אין שול

עס איז דער אַכטער טאָג חנוכּה.
אין שול איז הײַנט אַ גרויסער יום־טובֿ.
די קינדער האָבן אַ חנוכּה־שפּיל.
עס קומען אַלע טאַטעס און מאַמעס,
אַלע באָבעס און זיידעס.
אַלע זיצן שטיל.
דער לערער באַגריסט אַלעמען:
— גוט־יום־טובֿ אײַך אַלעמען! הײַנט איז בײַ אונדז אַ גרויסער יום־טובֿ. די קינדער וועלן זינגען, שפּילן און דערציילן די מעשׂה פֿון חנוכּה.
די קינדער זינגען. זיי זינגען דאָס ליד פֿון דריידל.
זיי זינגען אַ ליד פֿון אַכט ליכטעלעך,
און זיי זינגען אַ ליד פֿון לאַטקעס. די קינדער שפּילן די מעשׂה פֿון חנוכּה. זיי צינדן אָן אַכט ליכטעלעך און אַלע זינגען:

חנוכּה, אוי חנוכּה,
אַ יום־טובֿ אַ שיינער...

דער ערשטער שניי

אַלע גייען אַהיים פֿון שול. אַלע גייען פֿון
דער חנוכה־שפּיל.
עס גייען די קינדער. עס גייען די טאַטעס,
די מאַמעס. עס גייען די באָבעס און זיידעס.
אַלע ריידן פֿון דער שיינער שפּיל.
לייבעלע שרייַט אויס:
— מאַטעלע, גיטעלע, קינדער! זעט אַ שניי!
אַלע קוקן. זיי זעען: עס גייט אַ שניי.
אַ שיינער ווייַסער שניי.
— דער ערשטער שניי! דער ערשטער
שניי! — שרייַען די קינדער.
אַלע זייַנען פֿריילעך. פֿייגעלע שפּילט זיך
מיט דעם שניי. זי נעמט שניי אין די הענט.
זאָגט די מאַמע:
— פֿייגעלע, שפּיל זיך נית מיט דעם שניי.
עס איז קאַלט.
פֿייגעלע הערט נית. זי שפּילט זיך מיט
דעם שניי און זי שרייַט:
— שניי, שניי, גיכער גיי!
און גיטעלע זאָגט:

שניי, שניי,
גיכער גיי,
גיכער גיי
און אונדז דערפֿריי.

פֿייגעלע איז ניט געזונט

עס איז אין דער פֿרי. מאַטעלע שטייט אויף און גיטעלע שטייט אויף. פֿייגעלע ליגט.

זאָגן די קינדער:

— פֿייגעלע, עס איז שוין אַכט אַ זייגער, שטיי אויף!

פֿייגעלע ליגט און ענטפֿערט ניט.

קומט די מאַמע. זי זעט פֿייגעלע ליגט אין בעט. פֿרעגט זי:

— וואָס איז, פֿייגעלע?

זאָגט פֿייגעלע זייער שטיל:

— דאָס קעפּעלע טוט מיר וויי.

די מאַמע לייגט די האַנט אויף פֿייגעלעס קעפּעלע און זאָגט:

— יאָ, דאָס קעפּעלע איז וואַרעם. דאָס מיידעלע איז ניט געזונט.

די קינדער גייען אין שול און זיי זאָגן:

— אַ גוטן־טאָג, מאַמע!

און צו פֿייגעלען זאָגן זיי:

— זײַ געזונט, שוועסטערל. אַ גוטן־טאָג!

זאָגט די מאַמע:

— גייט געזונט, קינדער. שפּילט זיך ניט מיט דעם שניי. עס איז קאַלט.



דער דאָקטער קומט

עס קומט דער דאָקטער.
ער קוקט אויף
פֿייגעלען און ער זאָגט:
— וואָס איז מיט דיר, מיידעלע?
די מאַמע ענטפֿערט:
— דאָס קעפּעלע טוט איר וויי.
דער דאָקטער קוקט אַרײַן אין פֿייגעלעס
האַלדז. ער קוקט און זאָגט:
— דער האַלדז איז אַ ביסל רויט. זי וועט
ליגן אין בעט צוויי־דרײַ טעג
און זי וועט ווידער זײַן געזונט.
ער גיט פֿייגעלען אַ מעדיצין.
— איך האָב ניט ליב קיין מעדיצין, — זאָגט
פֿייגעלע.
— און איך האָב ניט ליב אַז אַ מיידעלע
איז ניט געזונט — שמייכלט די מאַמע.
— נאַ די מעדיצין, פֿייגעלע, עס איז גוט
פֿאַר דיר.
זאָגט פֿייגעלע:
— איך וועל ציילן ביז צען.
פֿייגעלע ציילט:
— איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף, זעקס,
זיבן, אַכט, נײַן און צען.
און זי נעמט די מעדיצין. די מאַמע
קוקט און זאָגט:
— אַ געזונט אין דײַן קעפּעלע, פֿייגעלע.

איך וויל העלפֿן, מאַמע

די קינדער קומען פֿון שול און זיי פֿרעגן:
– מאַמע, וואָס מאַכט פֿייגעלע?
זאָגט די מאַמע:
– בעסער, קינדער, זי שלאָפֿט. זייט שטיל.
די קינדער ריידן זייער שטיל. גיטעלע פֿרעגט:
– מאַמע, קען איך דיר העלפֿן?
און מאָטעלע זאָגט:
– איך וויל אויך העלפֿן, מאַמע.
זאָגט די מאַמע:
– גוט, קינדער, איר קענט מיר העלפֿן.
זי גיט מאָטעלען געלט און זי זאָגט:
– מאָטעלע, גיי קויפֿן ברויט.
און צו גיטעלען זאָגט די מאַמע:
– גיטעלע, קום און העלף מיר וואַשן די טעלער.
מאָטעלע נעמט דאָס געלט און ער גייט קויפֿן ברויט.
גיטעלע העלפֿט וואַשן די טעלער.
זי וואַשט און זי זינגט שטיל אַ ליד.
עס איז אַ ליד פֿון אַ מיידעלע וואָס העלפֿט איר מאַמען.
די מאַמע שמייכלט און זי זאָגט:
– עס איז אַ שיין ליד, גיטעלע. זינג עס ווידער, גיטעלע.

אַלע מאָנטיק וואַשט די מאַמע

גיטעלע זינגט:

אַלע מאָנטיק וואַשט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען וואַשן.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען וואַשן.

אַלע דינסטיק פּרעסט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען פּרעסן.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען פּרעסן.

אַלע מיטוואָך נייט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען נייען.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען נייען.

אַלע דאָנערשטיק קויפֿט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען קויפֿן.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען קויפֿן.

אַלע פֿרײַטיק ראַמט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען ראַמען.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען ראַמען.

אַלע שבת רוט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען רוען.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
העלף איך מאַמען רוען.

דער טאַטע קומט אַהיים

דער טאַטע קומט אַהיים פֿון דער אַרבעט.
ער פֿרעגט:
— וואָס מאַכט פֿייגעלע?
די מאַמע ענטפֿערט:
— בעסער, זי נעמט די מעדיצין
ווי אַ גוט מיידעלע.
— וואָס זאָגט דער דאָקטער? —
פֿרעגט דער טאַטע.
— דער דאָקטער זאָגט אַז דער האַלדז
איז אַ ביסל רויט.
זי וועט ליגן אין בעט אַ צוויי־דריי טעג
און זי וועט ווידער זײַן געזונט —
זאָגט די מאַמע.
— און וואָס מאַכן די קינדער? — פֿרעגט דער טאַטע מאַטעלען און גיטעלען און ער שמייכלט.
זאָגט מאַטעלע: — מיר העלפֿן דער מאַמען.
און גיטעלע זאָגט: — איך האָב ווידער אַליין געמאַכט אַ ליד.
— לאָמיר הערן — זאָגט דער טאַטע.
און גיטעלע זאָגט:

פֿייגעלע איז ניט געזונט, שאַ־שאַ,
דער טאַטע — שטיל, שטיל די מאַ,
זיי גייען אַלע מאָל צום בעט
און גיבן איר קעפּעלע אַ גלעט.
זײַ געזונט,
זײַ געזונט!

מאַטעלע ווערט אַכט יאָר

הײַנט איז מאַטעלעס געבורטסטאָג.
מאַטעלע ווערט אַכט יאָר.
אַז מאַטעלע שטייט אויף, זאָגט די מאַמע:
— אַ פֿריילעכער געבורטסטאָג!
און אַלע שרײַען אויס:
— אַ פֿריילעכער געבורטסטאָג, מאַטעלע!
די מאַמע זאָגט: — מאַטעלע, מיר מאַכן שבת אַ יום־טובֿ.
דו קענסט בעטן די פֿרײַנד צו קומען.
— און ווער נאָך קומט צו מאַטעלעס געבורטסטאָג? — פֿרעגט דער טאַטע און ער שמייכלט.
— ווער? — פֿרעגן די קינדער.
— ווער נאָך קומט?
דער טאַטע שמייכלט און ער זאָגט:
— דער פֿעטער מלך קומט.
אַלע ווערן פֿריילעך. פֿייגעלע שפּרינגט פֿון בעט. זי איז שוין געזונט. זי שרײַט:
— דער פֿעטער מלך, דער פֿעטער מלך!
און גיטעלע זאָגט: — עס וועט שוין זײַן פֿריילעך.
די קינדער גייען אַוועק אין שול און זיי זײַנען זייער פֿריילעך.
זיי זײַנען פֿריילעך: שבת וועט זײַן אַ יום־טובֿ פֿאַר מאַטעלען.
און זיי זײַנען פֿריילעך: עס קומט דער גוטער פֿעטער מלך.

מאַטעלעס
געבורטסטאָג

עס איז שבת. מאַטעלעס אַלע פֿרײַנד זײַנען געקומען צו זײַן געבורטסטאָג.
אַלע עסן גוטע זאַכן און זיי זינגען פֿריילעכע לידער.
די קינדער זינגען אַ שיין ייִדיש ליד:

צו דײַן געבורטסטאָג,
צו דײַן יום־טובֿ הײַנט
זײַנען געקומען
אַלע דײַנע גוטע פֿרײַנד.

עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פּעטער מלך.
– גוט־יום־טובֿ! – זאָגט פֿריילעך דער פּעטער מלך.
און אַלע קינדער שרײַען:
– גוט־יום־טובֿ, פּעטער מלך!
זיי ווייסן אַז ווען פּעטער מלך קומט, וועט זײַן פֿריילעך אין הויז. דער פּעטער מלך קען מאַכן שיינע קונצן. ער קען זינגען פֿריילעכע לידער. ער קען דערציילן שיינע מעשׂיות. ער קען ריידן אין גראַמען.
דער פּעטער מלך זאָגט:
– עס איז צו שטיל, קינדער. עס איז הײַנט אַ פֿריילעכער טאָג. מאַטעלע ווערט אַכט יאָר. לאָמיר אַלע זינגען.

דער פּעטער מלך מאַכט קונצן

דער פּעטער מלך זינגט:

— לאָמיר מאָטעלען באַגריסן...

און אַלע קינדער העלפֿן:

לאָמיר מאָטעלען באַגריסן,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר מאָטעלען באַגריסן.

נאָך דעם פֿרעגט דער פּעטער מלך:

— ווער וויל זען קונצן?

שרײַען די קינדער:

— אַלע! אַלע ווילן זען קונצן!

זאָגט דער פּעטער מלך:

— גוט, קינדער, זיצט אַלע שטיל און קוקט מיט ביידע אויגן.

ער נעמט אַ פּעני און לייגט עס אויף זײַן האַנט. ער ווײַזט אויף דעם געלט און ער פֿרעגט:

— עס איז דאָ?

שרײַען די קינדער:

— יאָ, עס איז דאָ!

ציילט דער פּעטער מלך שטיל:

איינס איז גוט,
צוויי איז פֿײַן,
זאָל די פּעני
מער ניט זײַן.

די קינדער קוקן אויף דעם פּעטער מלכס האַנט: יאָ, די פּעני איז מער ניטאָ.

לאַכן די קינדער און זיי בעטן:
– זאָל די פּעני ווידער זײַן!
זאָגט דער פּעטער מלך:
– גוט, קינדער, קוקט אַלע אויף מײַן האַנט, קוקט מיט ביידע אויגן.

איינס איז גוט,
צוויי איז פֿײַן,
זאָל די פּעני
ווידער זײַן!

און די פּעני איז ווידער דאָ אין פּעטער מלכּס האַנט.
– נאָך אַ קונץ! נאָך אַ קונץ! – שרײַען די קינדער.
און דער פּעטער מלך מאַכט נאָך קונצן.
די קינדער לאַכן. די קינדער זײַנען פֿריילעך.
זיי ווילן נאָך און נאָך קונצן.

אַ שפּיל אין גראַמען

דער פֿעטער מלך שפּילט מיט די קינדער
אַ נײַע שפּיל: אַ שפּיל אין גראַמען.
דער פֿעטער מלך זאָגט:
— קינדער, זיצט אַלע שיין און שטיל,
מיר הייבן אָן די גראַמען־שפּיל.
די קינדער זיצן שטיל. דער פֿעטער מלך
זאָגט:
— איך גיי.
זאָגט גיטעלע:
— און איך שטיי.
און לייבעלע זאָגט:
— אין אַ ריי.
סערעלע ציילט: — איינס און צוויי.
זאָגט מאָטעלע: — עס פֿאַלט אַ שניי.
פֿייגעלע שפּילט אויך. זאָגט זי:
— און מײַן קעפּעלע טוט מיר וויי.
לאַכן אַלע. דער פֿעטער מלך לאַכט אויך.
ער זאָגט:
— מיר זיצן אַלע בײַם טיש.
זאָגט גיטעלע:
— און מיר עסן חלה מיט פֿיש.
לאַכט דער פֿעטער מלך:
— איך קען שיינע לידער.
שרײַט מאָטעלע:
— מיר זײַנען אַלע ברידער.
און דער פֿעטער מלך זאָגט:
— איך קען אַ ליד „מיר זײַנען אַלע ברידער".

עס איז ווייער אַ שיין ליד,
נאָר איר זײַט שוין מיד.
— זינגט דאָס ליד, זינגט דאָס ליד, מיר זײַנען
ניט מיד — בעטן די קינדער.
דער פֿעטער מלך זינגט און די קינדער העלפֿן
זינגען:

אוּן מיר זײַנען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער.
אוּן מיר זינגען שיינע לידער,
אוי, אוי, אוי.

אוּן מיר האַלטן זיך אינאײנעם,
אוי, אוי, זיך אינאײנעם
אוּן מיר האַלטן זיך אינאײנעם,
אוי, אוי, אוי.

טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

רעטענישן

נאָך דער שפּיל אין גראַמען, זאָגט מאַטעלע:
— פֿעטער מלך, פֿרעג אונדז רעטענישן.
איך האָב ליב צו הערן דײַנע רעטענישן.
זאָגט דער פֿעטער מלך:
— גוט, קינדער, הערט און ענטפֿערט:
ווער בין איך?
איך האָב פֿיס, נאָר איך קען ניט גיין.
— דאָס איז אַ טיש — שרײַט אויס מאַטעלע.
אַ טיש האָט פֿיס און ער קען ניט גיין.
זאָגט דער פֿעטער מלך:
— אמת, אַ טיש האָט פֿיס און ער קען
ניט גיין. און ווער בין איך איצט?

איך האָב ניט קיין פֿיס
און איך גיי,
איך האָב ניט קיין מויל,
און איך צייל...

— דאָס איז אַ זייגער! — זאָגט לייבעלע.
— אַ זייגער האָט ניט קיין פֿיס און ער קען גיין. ער האָט ניט קיין מויל און ער קען ציילן.
— אמת, — שמייכלט דער פֿעטער מלך.
— און ווער בין איך איצט!

איך גיי און איך גיי
און איך שטיי אויף אַן אָרט.

— דאָס איז אויך אַ זייגער! — שרײַט גיטעלע.
אַ זייגער גייט און גייט און ער שטייט אויף אַן אָרט.

אַ שיינע מתּנה

נאָכן שפּילן זאָגט דער פֿעטער מלך:
— מאָטעלע, איך האָב פֿאַר דיר אַ מתּנה.
ער גייט אַרויס און ער קומט באַלד אַרײַן.
אין האַנט האָט ער אַ שיין, רויט שליטעלע.
— אַ שליטעלע! אַ שליטעלע! — שרײַען די קינדער.
— דאָס שליטעלע איז זייער שיין, — זאָגט מאָטעלע. — אַ דאַנק, פֿעטער מלך.
— דאָס שליטעלע איז גרויס, — זאָגט די מאַמע. עס קען אויך זײַן גוט פֿאַר גיטעלע און פֿייגעלע.
— אמת, — זאָגט דער פֿעטער מלך,

— דאָס שליטעלע איז גוט פֿאַר אַלע דרײַ.
שרײַען די קינדער:
— מיר האָבן אויך מתּנות פֿאַר מאָטעלען.
און זײ גיבן מאָטעלען די מתּנות.
מאָטעלע פֿרײט זיך און ער זאָגט:
— אַ דאַנק, ליבעלע. אַ דאַנק, בערעלע.
אַ דאַנק, פּערעלע, אַ דאַנק אײַך אַלעמען.
עס ווערט שפּעט. די קינדער גײען אַהײם.
די קינדער זאָגן:
— עס איז געווען אַ פֿרײלעכער
געבורטסטאָג.
— אַ גוטע נאַכט!
— אַ גוטע נאַכט!

אַ זו אין הויז

בײַנאַכט, נאָכן עסן, זאָגט מאָטעלע:
— פֿעטער מלך, דערצײל אונדז אַ מעשׂה
פֿאַרן שלאָפֿן גײן.

דער פּעטער מלך קוקט אויף דער מאַמען און
ער קוקט אויפֿן טאַטן. די מאַמע שמייכלט,
דער טאַטע שמייכלט אויך.
זאָגט דער פּעטער מלך:
– גוט, קינדער, לייגט זיך אין די בעטן
און איך קום באַלד אַרײַן צו אײַך.
די קינדער וואַשן זיך גיך און זיי לייגן זיך
אין די בעטן.
דער פּעטער מלך קומט אַרײַן צו זיי און
ער פֿרעגט:
– קינדער, ווילט איר איצט גיין מיט מיר
אין זו?
לאַכן די קינדער:
– עס איז ווינטער, פּעטער מלך, און עס
איז שפּעט בײַנאַכט.
לאַכט דער פּעטער מלך אויך און ער
זאָגט:
– נו, גוט, לאָמיר מאַכן אַ זו אין הויז.
ער מאַכט מיט די הענט אַ בער אויף דער
וואַנט.
– אַ בער, אַ בער! – שרײַען די קינדער.
און דער פּעטער מלך זאָגט:

בער, בער,
ביסט גרויס און שווער,
ביסט גרויס און שווער,
ווײַל ביסט אַ בער...

נאָך דעם מאַכט דער פּעטער מלך מיט
די הענט אַ לייב אויף די ווענט.
– וואָס איז דאָס? – פֿרעגט דער פּעטער מלך.

– אַ לייב! אַ לייב! – שרײַט מאַטעלע.
– אמת, – זאָגט דער פֿעטער מלך. און ער מאַכט אַ לידעלע פֿון אַ לייב:

לייב, לייב,
ביסט גרויס און שיין,
נאָר איך וויל ניט זײַן
מיט דיר אַליין.

– און איצט קוקט גוט, – זאָגט דער פֿעטער מלך.
די קינדער קוקן אויף דער וואַנט און זיי זעען אַ מאַלפּע.
– אַ מאַלפּע, אַ מאַלפּע! – שרײַט פֿייגעלע.
און דער פֿעטער מלך לערנט די קינדער אַזאַ ליד פֿון אַ מאַלפּע:

זי שפּרינגט הויך,
זי שפּרינגט גיך,
און זעט אויס
ווי דו און איך...

די קינדער לאַכן הויך. קומט אַרײַן די מאַמע און זי פֿרעגט:
– ווען גייען די קינדער שלאָפֿן?
זאָגט דער פֿעטער מלך:
– די קינדער גייען שוין שלאָפֿן.
– אַ גוטע נאַכט, קינדער.
– אַ גוטע נאַכט, פֿעטער מלך.
– אַ גוטע נאַכט, מאַמע,
– אַ גוטע נאַכט, טאַטע.

פֿייגעלע

פֿייגעלע, פֿייגעלע,
פֿי, פֿי, פֿי,
פֿייגעלע שטייט אויף
זייער פֿרי.

פֿייגעלע וועט איצט
שלאָפֿן גייַן,
וועט זי קענען
פֿרי אויפֿשטיין.

אַכט אַ זייגער

אַכט אַ זייגער,
אַכט אַ זייגער,
עס איז זייער שפּעט.
אַ קוש דעם טאַטן.
אַ קוש דער מאַמען,
און אַרייַן אין בעט.

ווינטער אין פּאַרק

עס איז ווינטער.
עס איז אַ שיינער טאָג. עס ליגט אַ ווײַסער שניי. די קינדער גייען מיט די שליטעלעך אין פּאַרק. מאָטעלע קומט מיט זײַן נײַ שליטעלע.
די קינדער גייען זיך שליטלען.

די קינדער קומען אויף דעם בערגל. זיי זעצן זיך אויף די שליטעלעך.
גיטעלע און פֿייגעלע זיצן אויף מאָטעלעס שליטעלע.
אַלע קינדער שליטלען זיך פֿון בערגל.

פֿייגעלע פֿאַלט אַרויס פֿון שליטעלע. זי פֿאַלט אין שניי. פֿייגעלע הייבט זיך אויף און לאַכט. זי שפּילט זיך מיט דעם שניי.

די קינדער שליטלען זיך פֿון בערגל נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ביז עס ווערט שפּעט.

די קינדער נעמען די שליטעלעך. זיי גייען אַהיים. זיי זײַנען פֿריילעך.
— לאָמיר מאָרגן ווידער גיין זיך שליטלען.
זאָגט מאָטעלע.
— גוט, — זאָגן די קינדער,
— מאָרגן קומען מיר ווידער זיך שליטלען.

ווידער אין שול

די קינדער קומען ווידער אין שול.
דער לערער זאָגט:
— קינדער, לאָמיר זען וואָס איר געדענקט פֿון לערנען.
ער פֿרעגט:
— וואָס טוט אַ שנײַדער?
די קינדער ענטפֿערן:
— אַ שנײַדער נייט קליידער.
— און וואָס טוט אַ לערער?
— אַ לערער לערנט קינדער, — זאָגט מאָטעלע.
— און וואָס טוט אַ דאָקטער? — פֿרעגט דער לערער.
— אַ דאָקטער מאַכט געזונט, — זאָגט גיטעלע.
— און ווער מאַכט שטולן, טישן? — פֿרעגט דער לערער.
ענטפֿערט פּערעלע:
— אַ סטאָליער מאַכט שטולן און טישן.
— און ווער באַקט ברויט?
— אַ בעקער באַקט ברויט, אַ בעקער באַקט חלה.
— אמת, — זאָגט דער לערער.
— איר געדענקט גוט, קינדער, וואָס מיר לערנען.

אַ בעקער שלאָפֿט בײַטאָג און אַרבעט בײַנאַכט

– מײַן טאַטע איז אַ בעקער, – זאָגט בערעלע, – ער אַרבעט זייער שווער.

– אמת, קינדער, אַ בעקער אַרבעט זייער שווער.

– בײַנאַכט אַרבעט ער און בײַטאָג שלאָפֿט ער.

בערעלע שטייט אויף און ער זאָגט:

– לערער, איך קען אַ לידעלע פֿון אַ בעקער:

אַלע שלאָפֿן, עס איז שפּעט.
שטייט דער בעקער און ער קנעט.
באַקט ער ברויט, באַקט ער חלה,
עסן זאָלן האָבן אַלע.

די קינדער קענען שוין איצט אַ ליד פֿון אַ שנײַדער,

די קינדער קענען שוין איצט אַ ליד פֿון אַ בעקער.

– מאָרגן, – זאָגט דער לערער – װעלן מיר לערנען נאָך אַ ליד פֿון אַ בעקער און אַ ליד פֿון אַ שוסטער.

– װאָס טוט אַ שוסטער? – פֿרעגט דער לערער.

– אַ שוסטער מאַכט שיך! – שרײַען די קינדער.

– אמת, – זאָגט דער לערער, – אַ שוסטער מאַכט שיך.

בּערל לעקער

בּערל לעקער קומט צום בּעקער
פֿרײַטיק האַלבּ נאָך זעקס.
זאָגט בּערל לעקער צו דעם בּעקער:
— גיבּ מיר זיס געבּעקס.

זאָגט דער בּעקער צו בּערל לעקער:
— גיבּ מיר, בּערל, געלט.
זאָגט בּערל לעקער צו דעם בּעקער:
— וואו זאָל איך נעמען געלט?

שוסטער, שוסטער

— שוסטער, שוסטער!
גיך, גיך, גיך.
נאַ דיר מײַנע אַלטע שיך.
בּיז איך צייל דיר
איינס, צוויי, דרײַ,
מאַך זיי ווידער
פֿאַר מיר נײַ.

אַ בריוו

פּערעלע איז הײַנט ניטאָ אין שול.
אַ גאַנצע װאָך איז פּערעלע ניטאָ אין שול.
דער לערער פֿרעגט:
— קינדער, איז פּערעלע נאָך אַלץ קראַנק?
זאָגט גיטעלע:
— יאָ, לערער, פּערעלע איז נאָך אַלץ קראַנק.
דער לערער זאָגט:
— לאָמיר שרײַבן אַ בריוו צו פּערעלען,
לאָמיר שרײַבן אַ ייִדישן בריוו.
װער װײס װי מע שרײַבט אַ ייִדישן בריוו?
— איך װײס, — זאָגט מאָטעלע.
מאָטעלע גײט אַרױס צום טאָװל.
ער שרײַבט די ערשטע װערטער פֿון בריוו:
„ליבע פּערעלע".
אַלע קינדער גײען צום טאָװל. אַלע שרײַבן.
נאָך דעם שרײַבן זײ דעם בריוו אויף אַ פּאַפּיר.
גיטעלע לײענט דעם בריוו פֿאַר אַלע קינדער.

ליבע פּערעלע!

וואָס מאַכסטו?

ביסטו שוין געזונט?

מיר לערנען אין שול נײַע לידער.

איין ליד איז פֿון אַ שוסטער און צוויי

לידער זײַנען פֿון אַ בעקער.

איין ליד פֿון בעקער איז זייער אַ

פֿריילעך ליד.

באַלד וועלן מיר לערנען פֿון נאָך

אַ יום-טובֿ, פֿון פּורים.

ווער גיך געזונט און קום אין שול.

וועסטו אויך לערנען די מעשׂה פֿון פּורים.

זײַ געזונט.

די קינדער און דער לערער

פֿון דער ייִדישער שול.

די מעשׂה פֿון פּורים

דער לערער דערציילט די מעשׂה פֿון פּורים.

די קינדער זיצן און הערן. זיי האָבן ליב ווען דער לערער דערציילט אַ מעשׂה.

זיי האָבן ליב אַ מעשׂה פֿון אַ ייִדישן יום־טובֿ.

דער לערער דערציילט פֿון אַ מלך אַ נאַר.

ער דערציילט פֿון אַ שלעכטן מאַן. דאָס איז געווען זייער אַ שלעכטער מאַן. ער האָט פֿײַנט געהאַט ייִדן.

דער לערער דערציילט: עס איז געווען זייער אַ שיין מיידל אסתּר. אסתּר האָט געהאַט אַ פֿעטער. ער איז געווען זייער אַ גוטער מאַן.

דער לערער דערציילט אַלץ וואָס עס איז געווען. ער דערציילט די גאַנצע מעשׂה פֿון פּורים.

נאָך דעם זאָגט דער לערער:

— קינדער, מיר וועלן האָבן אַ שיינע פּורים־שפּיל אין שול.

די קינדער פֿרייען זיך.

— פּורים קומט! פּורים קומט!

דער לערער לערנט מיט די קינדער שיינע פּורים־לידער.

פּורים־לידער

1.

היַינט איז פּורים, בּרידער,
עס איז דער יום־טובֿ גרויס.
לאָמיר זינגען לידער
און גיין פֿון הויז צו הויז.

2.

היַינט איז פּורים,
מאָרגן איז אויס,
גיבֿ מיר אַ פּעני
און וואַרף מיך אַרויס.

אַ פּורים־שפּיל

עס איז פּורים. הײַנט איז אין שול די פּורים־שפּיל.
אַלע קינדער קומען פֿאַרשטעלט.
בּערעלע קומט פֿאַרשטעלט ווי דער מלך.
מאָטעלע קומט פֿאַרשטעלט ווי דער גוטער ייִד.
לייבעלע קומט ווי דער שלעכטער מאַן.
אַלע מיידלעך קומען פֿאַרשטעלט ווי די שיינע אסתּר.
זאָגט איין קינד:
— לערער, עס איז געווען נאָר איין אסתּר. אמת?
ענטפֿערט דער לערער:
— אמת, עס איז געווען נאָר איין אסתּר.
אָבער הײַנט איז פּורים און אַלע ייִדישע מיידלעך קענען זײַן אסתּרס.
אונדזער שפּיל איז מיט אַ סך אסתּרס.
עס קומען די טאַטעס און די מאַמעס, די באָבעס און די זיידעס.
עס הייבט זיך אָן די שפּיל.
דער לערער זאָגט:
— זיצט אַלע שיין און שטיל,
מיר הייבן אָן די פּורים־שפּיל.
בּערעלע קומט אַרויס און זאָגט:
— איך בּין דער מלך, דער נאַר,
לאַכט מען פֿון מיר דערפֿאַר.
מאָטעלע קומט אַרויס און זאָגט:
— און איך בּין מרדכי, דער גוטער ייִד,
העלפֿן ייִדן, ווער איך ניט מיד.
לייבעלע קומט אַרויס און אַלע קינדער נעמען שרײַען:

— בו, בו, בו...
בעט לייבעלע:
— שרײַט ניט, קינדער, זײַט שטיל,
איך וויל אויך זײַן אין דער שפּיל.
שרײַען די קינדער:
— דו ביסט המן! דו ביסט דער שלעכטער,
שלעכטער מאַן!
און זיי מאַכן ווידער:
— המן, בו! בו! המן!
נאָך דעם קומען די מיידלעך.
זיי זײַנען פֿאַרשטעלט ווי אסתּר.
גיטעלע זאָגט:
— היינט איז פּורים,
דער טאָג דער בעסטער,
בין איך פֿאַרשטעלט
ווי די גוטע אסתּר.
סערעלע זאָגט:
— פֿון גאָלד די קרוין,
פֿון גאָלד די שיך,
די שיינע אסתּר,
דאָס בין איך.
און פּערעלע זאָגט:
איך בין אסתּר,
איך בין אסתּר,
צו אַלע ייִדן
בין איך אַ שוועסטער.
אַלע קינדער קומען אַרויס פֿאַרשטעלט.
די טאַטעס, די מאַמעס, די באָבעס און די זיידעס
זײַנען זייער צופֿרידן פֿון דער שיינער שפּיל.

אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער

אויף די ווענט אין שול זײַנען דאָ בילדער.
מאָטעלע קוקט אויף די בילדער. ער פֿרעגט:
— לערער, ווער זײַנען זיי?
דער לערער ענטפֿערט:
— דאָס זײַנען ייִדישע שרײַבערס.
פֿרעגט בערעלע:
— וואָס טוט אַ שרײַבער?
ענטפֿערט דער לערער:
— אַ שרײַבער שרײַבט מעשׂיות און לידער.
ער שרײַבט פֿאַר גרויסע און פֿאַר קליינע.
גיטעלע ווײַזט אויף איין בילד און זי פֿרעגט:
— ווער איז דער שרײַבער?
דער לערער ענטפֿערט:
— דאָס איז פּרץ. ער איז געווען אַ ייִדישער שרײַבער.
פּרץ איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שרײַבער.
ער האָט געשריבן אַ סך שיינע מעשׂיות.
ער האָט אויך געשריבן אַ סך שיינע לידער.
ער האָט זייער ליב געהאַט קינדער.
קוקט אין אײַערע העפֿטן.
דאָס בילד פֿון דעם שרײַבער פּרץ איז אויך דאָ
אין אײַערע העפֿטן.
לאָמיר לערנען אַ ליד וואָס פּרץ האָט געשריבן.

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע

שטייט אין פֿעלד אַ ביימעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך,
זיצט אויף דעם אַ פֿייגעלע,
מאַכט עס צו די אייגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואַקסט אַ גאָלדן עפּעלע,
מאַך צו, מײַן קינד, די אייגעלעך,
אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע.

הע‏לאָ, הע‏לאָ, הע‏לאָ!
דער פֿרילינג איז שוין דאָ!

עס איז אַ שיינער טאָג. די קינדער גייען אַהיים פֿון שול.

זיי זעען: די זון שײַנט, דער שניי איז מער ניטאָ.

עס איז וואַרעם.

זאָגט גיטעלע:

— באַלד, באַלד און עס וועט זײַן פֿרילינג.

און פערעלע זאָגט:

— איך האָב ליב פֿרילינג.

איך האָב ליב ווען די פֿייגעלעך קומען צוריק.

איך האָב ליב צו הערן ווי זיי זינגען.

סערעלע זאָגט:

— באַלד, באַלד און עס וועט זײַן דער יום־טובֿ פסח.

גיטעלע געדענקט אַ ליד פֿון פֿרילינג. זאָגט זי:

— קינדער, איך קען אַ ליד פֿון פֿרילינג.

עס איז זייער אַ שיין ליד. הערט:

הע‏לאָ, הע‏לאָ, הע‏לאָ!
דער פֿרילינג איז שוין דאָ.
זעט, דער פֿרילינג קומט, ער גייט,
באַגריסט אים אַלע מיט גרויס פֿרייד.
הע‏לאָ, הע‏לאָ, הע‏לאָ!
דער פֿרילינג איז שוין דאָ!

די קינדער גייען אַהיים פֿריילעכע.

זיי זינגען דאָס שיינע ליד פֿון פֿרילינג.

מענטשן קוקן און זיי שמייכלען.

אַלע האָבן ליב דעם פֿרילינג.

דרײַ לידער פֿון פֿרילינג

1

עס בליִען די ביימער,
עס וואַקסן די בלומען
צו אונדז איז דער פֿרילינג,
דער פֿרילינג געקומען.

2

אַלע, אַלע, אַלע
קינדער קומט צו מיר,
איך וועל אײַך ווײַזן בלומען,
זיי וואַקסן בײַ מײַן טיר.

רײַסט ניט אויס די בלומען,
רײַסט זיי ניט אַרויס.
לאָזט זיי וואַקסן, בליִען,
ביז זיי ווערן גרויס.

3

מיר גייען, מיר גייען
אין רייען צו פֿיר,
מיר גייען, מיר גייען
אויף אונדזער שפּאַציר.

מיר גייען, מיר גייען,
מיר זינגען אַ ליד,
מיר זינגען און לאַכן
און ווערן ניט מיד.

דער ליבער יום־טוב פּסח קומט

עס איז אַ שיינער טאָג. די זון שײַנט.
די מאַמע, גיטעלע, מאָטעלע און פֿייגעלע
גייען קויפֿן נײַע קליידער.
די מאַמע קויפֿט פֿאַר מאָטעלען נײַע שיך.
פֿאַר גיטעלען קויפֿט די מאַמע אַ רויט קליידעלע.
און פֿאַר פֿייגעלען קויפֿט זי אַ ווײַס קליידעלע.
די קינדער זײַנען צופֿרידן. זיי האָבן ליב נײַע זאַכן.
נאָך דעם זאָגט די מאַמע:
— איצט, קינדער, לאָמיר גיין קויפֿן עסן אויף פּסח.
פֿייגעלע פֿרעגט:
— מאַמע, וויפֿל טעג איז פּסח?
זאָגט מאָטעלע:
— פּסח איז אַכט טעג.
די מאַמע קויפֿט מצה. זי קויפֿט ווײַן.
און זי קויפֿט נאָך אַ סך, אַ סך גוטע זאַכן.
די קינדער גייען אַהיים פֿריילעכע.
זיי העלפֿן טראָגן די גוטע זאַכן. די מאַמע זאָגט:
— פּסח דאַרף דאָס הויז זײַן ריין און שיין.
די קינדער העלפֿן דער מאַמען ראַמען דאָס הויז.

די מאַמע מאַכט ריין דאָס הויז

די מאַמע מאַכט ריין
אויף פּסח דאָס הויז,
די זאַכן די אַלטע
נעמט זי אַרויס.

וועסט אַליין זען
ווי אַלץ וועט זײַן שיין,
דער יום־טוב, דער ליבער,
קומט באַלד צו גיין.

פּסח בײַם סדר

די גאַנצע משפּחה גייט צום זיידן און צו דער באָבען
צום ערשטן סדר.
דער פֿעטער מלך איז אויך געקומען.
אַלע טראָגן נײַע, שיינע קליידער.
אויפֿן טיש איז דאָ מצה און ווײַן.
די באָבע צינדט די ליכט און זי זאָגט:
— גוט־יום־טובֿ אײַך אַלעמען!
אַלע זאָגן:
— גוט־יום־טובֿ! גוט־יום־טובֿ!
און זיי זעצן זיך צום טיש.
דער זיידע זאָגט די הגדה און אַלע העלפֿן.
מאָטעלע פֿרעגט די פֿיר קשיות. ער פֿרעגט:
פֿאַר וואָס איז די נאַכט פֿון פּסח
אַנדערש פֿון אַלע נעכט?
דער זיידע ענטפֿערט.
אַלע זינגען לידער פֿון פּסח.
די מאַמע גייט אַרײַן אין קיך. זי העלפֿט דער באָבען.
די באָבע און די מאַמע ברענגען אַרײַן דאָס עסן.
אַלע טרינקען ווײַן. מאָטעלע און גיטעלע טרינקען
אויך.
זאָגט פֿייגעלע:
— איך וויל אויך אַ ביסל ווײַן.
זאָגט דער פֿעטער מלך:

אַז אַ מיידעלע טרינקט ווײַן,
שלאָפֿט דאָס מיידעלע אײַן.

זאָגט פֿייגעלע:
— גיב מיר אַ ביסעלע, אַ קליין ביסעלע.

איך װעל ניט שלאָפֿן.
דער טאַטע גיט פֿײגעלען אַ ביסעלע װײַן.
פֿײגעלע טרינקט און זי זאָגט:
— זע, איך טרינק און איך שלאָף ניט אײַן.
לאַכן אַלע. אַלע זײַנען פֿרײלעך. דער טאַטע זאָגט:
— קינדער, לאָמיר הערן אַ שײן ליד פֿון פּסח.
די קינדער זינגען:

טײַערע מלכּה,
געזונט זאָלסטו זײַן,
גיב מיר דעם בעכער,
דעם בעכער מיט װײַן...

קוק אויף דעם בעכער,
ער איז אַזױ שײן,
פֿון אים האָט געטרונקען
דער זיידע אַליין...

זיי זינגען נאָך אַ ליד.
דאָס איז אַ ליד פֿון אליהו הנבֿיא.
אַלע, אַלע זינגען.
נאָך דעם נעמט פֿײגעלע נאָך אַ ביסעלע װײַן.
זי טרינקט װען קײנער זעט ניט.
נאָך דעם לײגט זי דאָס קעפּעלע אויף דעם טיש
און מאַכט צו די אײגעלעך.
באַלד שלאָפֿט זי אײַן.
דער טאַטע לײגט פֿײגעלען אויף דעם בעט.
די גאַנצע משפּחה זיצט און זינגט די לידער פֿון דער הגדה.
זיי זינגען און זיי עסן, זיי עסן און זיי זינגען.
זיי זיצן פֿרײלעכע ביז שפּעט בײַנאַכט.

דער זיידע און די באָבע
פּליִען קיין ישׂראל

עס איז דער אַכטער טאָג פּסח.
דער זיידע און די באָבע זײַנען געקומען צו גאַסט.
זיי שפּילן מיט די קינדער אין ניס.
נאָך דעם שפּילן זאָגט דער זיידע:
— קינדער, האָט איר געהערט פֿון דעם לאַנד ישׂראל?
זאָגט מאָטעלע:
— יאָ, זיידע, ישׂראל איז דאָס ייִדישע לאַנד.
— אמת — זאָגט דער זיידע — ישׂראל איז דאָס ייִדישע לאַנד.
באַלד נאָך יום־טובֿ פֿאָרט דער זיידע און די באָבע קיין ישׂראל.
די קינדער ווערן אומעטיק.
זאָגט די באָבע:
— מיר פֿאָרן נאָר אויף פּיר וואָכן.
נאָך דעם קומען מיר צוריק.
שמייכלט דער זיידע:
— מיר פֿאָרן ניט, קינדער, מיר פֿליִען.
מיר פֿליִען מיט אַן עראָפּלאַן.
גיטעלע פֿרעגט:
— קענען מיר זען ווי איר פֿליט קיין ישׂראל?
זאָגט דער טאַטע:
— יאָ, קינדער, איך וועל אײַך נעמען צום פֿלי־פֿעלד.
איר וועט זען ווי דער זיידע און די באָבע פֿליִען אַוועק קיין ישׂראל.
די קינדער ווערן צוריק פֿרײלעך.



דרײַ טעג שפּעטער נעמט דער טאַטע די גאַנצע משפּחה צום פֿלי־פֿעלד.

אויפֿן פֿלי־פֿעלד זײַנען דאָ אַ סך גרויסע און קליינע עראָפּלאַנען.

עס זײַנען דאָ אַ סך מענטשן.

מע לויפֿט, מע שרײַט, מע קושט זיך.

דער זיידע און די באָבע קושן זיך מיט אַלעמען.

זיי גייען צום עראָפּלאַן.

די קינדער גייען אַרויף העכער.

זיי זעען ווי דער זיידע און די באָבע גייען אַרײַן אין אַ גרויסן עראָפּלאַן.

די קינדער מאַכן מיט די הענט און זיי שרײַען:

— זײַ געזונט, זיידע! זײַ געזונט, באָבע!

— פֿליט געזונט און קומט געזונט!

דער עראָפּלאַן הייבט זיך אויף און פֿליט אַוועק.

דער זיידע און די באָבע פֿליען קיין ישׂראל.

אַ בריוו פֿון ישׂראל

טײַערע גיטעלע און מאָטעלע און פֿײגעלע!

דעם בריוו שרײַבן צו אײַך דער זײדע און די באָבע. מיר שרײַבן פֿון ישׂראל. שוין אַ וואָך ווי מיר זײַנען דאָ אין דעם ייִדישן לאַנד. דאָ איז זייער שיין. נעכטן איז דאָ געווען אַ גרויסער יום-טובֿ: דער געבורטסטאָג פֿון ישׂראל. צו דעם יום-טובֿ זײַנען געקומען אַ סך ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט. אַלע זײַנען געווען פֿרײלעך. אַלע פֿרײען זיך מיט ישׂראלס געבורטסטאָג.

אַ סך ייִדן האָבן געטאַנצט אין די גאַסן און געזונגען. אין ישׂראל זינגט מען אַ סך שיינע לידער. ווען מיר וועלן קומען, וועלן מיר אײַך לערנען זינגען די שיינע לידער פֿון ישׂראל.

זײַט געזונט!

דער זײדע,

די באָבע.

אַ גאַסט פֿון אַ ווײַט לאַנד

פּערעלע איז הײַנט געקומען אין שול מיט אַ גאַסט.
זי איז געקומען מיט נאָך אַ מיידעלע.
קוקט דער לערער, קוקן די קינדער און זיי זעען:
דאָס מיידעלע איז אַזוי גרויס ווי פּערעלע,
זי האָט שוואַרצע האָר ווי פּערעלע
און זי זעט אויס ווי פּערעלע.
פֿרעגט דער לערער:
— איז דאָס דײַן שוועסטער, פּערעלע?
שמייכלט פּערעלע:
— זי זעט אויס ווי איך, אָבער זי איז ניט מײַן שוועסטער.
זי איז מײַן קוזינע און זי קומט פֿון זייער, זייער ווײַט.
פֿרעגן די קינדער:
— פֿון וואַנען, פֿון וואַנען קומט דײַן קוזינע?
זאָגט פּערעלע:
— מײַן קוזינע קען אײַך אַליין דערציילן.
זי קען גוט ריידן ייִדיש.
זאָגט דער לערער:
— קינדער, זעצט זיך אַלע אַוועק.
און ער פֿרעגט דאָס מיידעלע:
— פֿון וואַנען קומסטו, מיידעלע?
ענטפֿערט דאָס מיידעלע:
— איך קום פֿון אַ ווײַט לאַנד, איך קום פֿון אַרגענטינע.
— און ווי הייסטו? — פֿרעגט דער לערער.
ענטפֿערט דאָס מיידעלע:
— איך הייס דינה.

שרײַבט אויס גיטעלע:

— און זי איז פּערעלעס קוזינע!

איך קען מאַכן אַ ליד פֿון די גראַמען.

און זי מאַכט אַזאַ ליד:

פֿון דעם לאַנד אַרגענטינע
קומט אַ מיידעלע — דינה,
איז זי פּערעלעס קוזינע.

אַלע קינדער לאַכן. דינה לאַכט אויך. זי זאָגט:

— איך קען אויך מאַכן ייִדישע גראַמען.

איך קען זינגען אַ סך ייִדישע לידער.

פֿרעגט דער לערער:

— זאָג מיר, דינה, פֿון וואַנען קענסטו אַזוי גוט ריידן ייִדיש?

ענטפֿערט דינה: — איך גיי אין אַ ייִדישער שול.

בײַ אונדז זײַנען אויך דאָ ייִדישע שולן.

— איך האָב גאָרניט געוואוסט,

אַז אין אַרגענטינע זײַנען דאָ ייִדן — זאָגט לייבעלע.

דער לערער דערציילט:

— ייִדן זײַנען דאָ אין אַ סך לענדער.

אויף דער גאַנצער וועלט זײַנען דאָ ייִדן.

און אויף דער גאַנצער וועלט זײַנען דאָ ייִדישע קינדער,
וואָס לערנען אין ייִדישע שולן.

און צו דינהן זאָגט דער לערער:

— איך בין צופֿרידן וואָס דו ביסט דאָ געקומען צו גאַסט, דינה.

דו קענסט קומען צו אונדז אין שול יעדן טאָג.

— אַ דאַנק, לערער, — זאָגט דינה.

און פּערעלע שמייכלט צופֿרידן. זי זאָגט אויך:

— אַ דאַנק, לערער, אַ שיינעם דאַנק.

דער יום־טובֿ שבֿועות

דער לערער לערנט מיט די קינדער פֿון נאָך אַ ייִדישן יום־טובֿ.

דער לערער לערנט וועגן שבֿועות:

— באַלד קומט נאָך אַ שיינער ייִדישער יום־טובֿ: דער יום־טובֿ שבֿועות.

דער יום־טובֿ שבֿועות איז זיבן וואָכן נאָך דעם יום־טובֿ פּסח.

גיטעלע פֿרעגט:

— לערער, איז דאָס דער יום־טובֿ ווען מען פּוצט אויס דאָס הויז מיט גרינס און מיט בלומען?

— יאָ, גיטעלע, — ענטפֿערט דער לערער, — שבֿועות איז דער יום־טובֿ ווען מען פּוצט אויס דאָס הויז מיט גרינס און מיט בלומען.

שטייט אויף מאָטעלע און ער זאָגט:

— שבֿועות איז דער יום־טובֿ פֿון דער תּורה.

זאָגט דער לערער:

— אמת, קינדער, שבֿועות איז דער יום־טובֿ פֿון דער תּורה.

און מאָטעלען פֿרעגט ער:

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, מאָטעלע?

מאָטעלע ענטפֿערט:

— דאָס האָט מיר דערציילט מײַן זיידע.

מײַן זיידע איז שוין געקומען פֿון ישׂראל.

דער לערער לערנט די קינדער לידער פֿון דעם יום־טובֿ שבֿועות.

פּסח אַוועק, שבֿועות געקומען

פּסח אַוועק,
שבֿועות געקומען;
וואַרעמע טעג,
עס בליִען די בלומען.

נאָר אויף צוויי טעג
איז שבֿועות געקומען;
גייט ער אַוועק, —
בלייַבן אונדז בלומען.

פֿאָלג דייַן טאַטע־מאַמע

שטענדיק זאָלסטו פֿאָלגן
טאַטע־מאַמעס וואָרט,
אַלע דייַנע זאַכן
לייגן אויף אַן אָרט.

זייַן אַ גוטער ייִנגל,
לערנען גוט און פֿייַן,
און אַ גוטער חבֿר
צו די קינדער זייַן.

משה רבינו

משה האָט געגעבן
די תּורה די ייִדן.
אַלע זאָלן לעבן
גליקלעך און צופֿרידן.

די בעסטע מאַמע

נאָך אַ פּאָר טעג און עס וועט זײַן מוטערס־טאָג.
די קינדער לערנען אין שול אַ נײַ ליד.
עס איז אַ ליד פֿון אַ מאַמען.
נאָך דעם דערציילט דער לערער אַזאַ מעשׂה:
— אַ קליין ייִנגעלע שטייט אויף דער גאַס און ער וויינט.
קומט צו אַ מאַן און ער פֿרעגט:
— פֿאַרוואָס וויינסטו, ייִנגעלע?
ענטפֿערט ניט דאָס ייִנגעלע און ער וויינט העכער.
פֿרעגט דער מאַן נאָך אַ מאָל:
— וואָס איז, ייִנגעלע, פֿאַרוואָס וויינסטו?
— איך וויין... איך וויין.. — ענטפֿערט דאָס ייִנגעלע —
ווײַל איך וויים ניט וואו מײַן מאַמע איז.
און דאָס ייִנגעלע נעמט וויינען נאָך העכער ווי פֿריִער:
— מאַמע, מאַמע!
פֿרעגט דער מאַן:
— ווער איז דײַן מאַמע, ייִנגעלע?
קוקט דאָס ייִנגעלע אויפֿן מאַן און ער זאָגט:
— מײַן מאַמע? מײַן מאַמע איז די בעסטע מאַמע
אויף דער גאַנצער וועלט.
— ווי זעט אויס דײַן מאַמע? — פֿרעגט דער מאַן.
זאָגט דאָס ייִנגעלע:
— מײַן מאַמע? מײַן מאַמע איז די שענסטע מאַמע
אויף דער גאַנצער וועלט.
די קינדער לאַכן. זיי בעטן:
— לערער, דערציילט אונדז נאָך אַ מעשׂהלע.
זאָגט דער לערער: — גוט, קינדער,
הערט נאָך אַ מעשׂהלע פֿון אַ ייִנגעלע מיט אַ מאַמען.

אַרעלע־נאַרעלע און זײַן מאַמע

געווען אַ מאָל אַ ייִנגעלע.
האָט ער געהייסן אַרעלע.
אַרעלע איז געווען ניט קיין קלוג ייִנגעלע.
האָבן אים אַלע גערופֿן: אַרעלע־נאַרעלע.
גייט איין מאָל אַרעלע־נאַרעלע מיט
זײַן מאַמען קויפֿן נײַע זאַכן.
די מאַמע האַלט אַרעלען בײַ דער האַנט,
זי זאָל אים ניט פֿאַרלירן.
אַרעלע נעמט יעדע מינוט אַרויס זײַן הענטל פֿון דער
מאַמעס האַנט.
ער שטייט. ער קוקט אויף די שיינע קראָמען.
ער קוקט אויף די מענטשן וואָס גייען.
זאָגט די מאַמע:
— אַרעלע, האַלט מײַן האַנט, איך קען דיך נאָך
פֿאַרלירן.
אַרעלע הערט אָבער ניט.
ער טוט עס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל,
ביז ער פֿאַרלירט זײַן מאַמען.
גייט אַרעלע־נאַרעלע און וויינט.
ער וויינט און ער זוכט זײַן מאַמען.
די מאַמע איז אָבער ניטאָ.
גייט אַרעלע־נאַרעלע צו צו אַ מאַן און פֿרעגט:
— האָסטו געזען אַ מאַמע אָן אַ ייִנגעלע?

אַ מתּנה דער מאַמען

הײַנט איז מוטערס־טאָג.
די קינדער שטייען אויף פֿרי.
גיטעלע זאָגט:
— פֿייגעלע, הײַנט דאַרפֿסטו זײַן זייער שטיל.
זאָל די מאַמע הײַנט שלאָפֿן.
הײַנט מאַכן מיר פֿרישטיק פֿאַר דער מאַמען
און פֿאַרן טאַטן.
פֿייגעלע, גיטעלע און מאָטעלע גייען אַרײַן אין קיך.
זיי נעמען דאָס עסן און לייגן עס אַוועק אויפֿן טיש.
ווען אַלץ איז גרייט, גייען זיי צו צו דעם צימער וואו
די מאַמע שלאָפֿט און זיי זינגען:

אַלץ קען מען דאָך באַקומען,
אַלץ קריגט מען פֿאַר געלט,
נאָר אַ מאַמע, זי איז איינע,
זי איז איינע אויף דער וועלט...

די מאַמע שטייט אויף. דער טאַטע שטייט אויף.
אַלע קינדער שרײַען:
— אַ פֿריילעכן מוטערס־טאָג, מאַמע!
די מאַמע זאָגט:
— אַ דאַנק, קינדער, אַ דאַנק!
גייט זיך וואַשן און קומט אַרײַן אין קיך,
וועל איך אײַך געבן פֿרישטיק.
זאָגן די קינדער:
— גוט, מאַמע. און זיי גייען זיך וואַשן.
די מאַמע גייט אַרײַן אין קיך, זעט זי:
אַלץ שטייט שוין אויפֿן טיש.
שמייכלט די מאַמע און זי זאָגט:
— אַ דאַנק, קינדער, אַ דאַנק. דאָס איז זייער
אַ שיינע מתּנה.

די גאַנצע משפּחה זעצט זיך עסן.
זיי הערן:
מען קלינגט אין טיר.
— ווער קען עס זײַן אַזוי פרי? — פרעגט די מאַמע.
גיטעלע לויפט און עפנט די טיר.
עס קומט אַרײַן אַ מאַן. ער ברענגט אַ סך בלומען.
אין די בלומען ליגט אַ בריוו.
די מאַמע נעמט דעם בריוו, זי עפנט דעם בריוו און זי לייענט:

„די בלומען גיבן מיר אַ מתנה
דער שענסטער,
דער בעסטער
און דער טײַערסטער מאַמע,
פייגעלע,
גיטעלע,
מאָטעלע,
דער טאַטע".

די מאַמע שטעלט אַוועק די בלומען אויפן טיש און זי זאָגט:
— און איך האָב די שענסטע, די בעסטע און די טײַערסטע משפּחה אויף דער גאַנצער וועלט.
אַ דאַנק, אַ דאַנק . . .
די קינדער זינגען:

מאַמע־טאָג,
מאַמע־טאָג,
ווי טײַער און ווי פײַן!
ווי טײַער און ווי פײַן!
מאַמע־טאָג,
מאַמע־טאָג,
וואָס קען נאָך שענער זײַן?
וואָס קען נאָך שענער זײַן?

פֿאַרן שלאָפֿן גיין

פֿאַרן שלאָפֿן גיין זאָגט פֿייגעלע:
— מאַמע, איך האָב דיך זייער, זייער ליב.
זאָגט די מאַמע:
— און איך האָב דיך נאָך מער ליב,
מײַן גוט און שיין מיידעלע.
זאָגט פֿייגעלע:
— ניין, מאַמע. דו קענסט מיך ניט ליב האָבן
אַזוי פֿיל ווי איך האָב דיך ליב.
שמייכלט די מאַמע און זי פֿרעגט:
— פֿאַרוואָס, פֿייגעלע, פֿאַרוואָס זאָגסטו דאָס?
— ווײַל דו האָסט דרײַ קינדער —
ענטפֿערט פֿייגעלע און זי לאַכט,
— און איך האָב נאָר איין מאַמען.
די מאַמע לאַכט אויך. זי קושט פֿייגעלען. זי זאָגט:
— ניין, מײַן קינד. אַ מאַמע קען האָבן אַ סך קינדער
און ליב האָבן אַלע קינדער גלײַך.
און זי זינגט פֿייגעלען אַ ליד צום שלאָפֿן גיין:

מאַמע לייענט אַ מעשׂה
שטענדיק פֿאַרן שלאָפֿן,
און איך הער די מעשׂה
מיט די אויגן אָפֿן.

שטיל איז און די מאַמע
לייענט, איך זאָל הערן,
און אין פֿענצטער זע איך
שיינע ווײַטע שטערן.

אַ קליין מיידעלע קלאַפּט אין טיר

איין מאָל קומט פּייגעלע אַהיים
פֿון קינדער־גאָרטן און זי זאָגט:
— מאַמע, איך קען אַ נײַ ייִדיש ליד.
זאָגן אַלע:
— לאָמיר הערן, פּייגעלע, לאָמיר הערן.
פּייגעלע גייט צו צו דער טיר.
זי קלאַפּט דרײַ מאָל אין דער טיר און זי זינגט:

א קליין מיידעלע קלאַפּט אין טיר,
סטוק, סטוק, סטוק,
ליבע מאַמע, עפֿן מיר,
סטוק, סטוק, סטוק.
איך בין שוין אַהיים געקומען,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ,
א גאַנצן טאָג געווען פֿאַרנומען,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

אַלע פֿרייען זיך. אַלע זײַנען צופֿרידן.
דער טאַטע זאָגט:
— שיין, זייער שיין, פּייגעלע,
זינג עס פֿאַר אונדז נאָך אַ מאָל.
פּייגעלע שמייכלט. זי איז צופֿרידן.
זי זינגט דאָס לידעלע נאָך אַ מאָל
און אַלע העלפֿן איר זינגען.
די מאַמע גיט פּייגעלען אַ קוש אין קעפּעלע און זי זאָגט:
— אַ געזונט אין דײַן קעפּעלע, מײַן שיין מיידעלע!
און גיטעלע און מאַטעלע זאָגן אויך:
— אַ געזונט אין דײַן קעפּעלע!

עס קומט דער ליבער זומער

עס איז אַ שיינער טאָג. די זון שײַנט. עס איז וואַרעם.
די קינדער קומען אין שול אָן מאַנטלען.
דער לערער זאָגט:
— נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און עס וועט זײַן זייער הייס.
— איך האָב ליב דעם הייסן זומער! —
שרײַט אויס לייבעלע.
פֿרעגט דער לערער:
— פֿאַרוואָס, לייבעלע, האָסטו אַזוי ליב דעם הייסן זומער?
ענטפֿערט לייבעלע:
— ווײַל זומער גייט מען ניט אין שול . . .
אַלע קינדער לאַכן. דער לערער לאַכט אויך.
זאָגט לייבעלע:
— איך האָב ליב צו גיין אין שול.
אָבער זומער איז זייער הייס,
גייט קיינער ניט אין שול.
זומער פֿאָר איך אין קעמפּ.
גיטעלע זאָגט:
— און איך פֿאָר ניט אין אַ קעמפּ. מײַן משפּחה האָט אַ זומער־הויז.

און בערעלע זאָגט:

— און איך פֿאָר זומער צו מײַן פֿעטער אין קאַנאַדע.

גיטעלע פֿרעגט:

— וואו פֿאָרט דער לערער זומער?

ענטפֿערט דער לערער:

— זומער האָב איך ליב צו זײַן בײַ אַ וואַסער.
זומער האָב איך ליב צו שווימען.
זומער האָב איך ליב צו זײַן אויף דער זון און אַ סך צו רוען.

זאָגט מאָטעלע:

— אַז מען לערנט מיט אונדז אַ גאַנץ יאָר,
דאַרף מען אויף אַן אמת אַ סך רוען.

אַלע קינדער לאַכן. דער לערער לאַכט אויך.

ער זאָגט:

— ניין, קינדער, איר זײַט געווען זייער גוטע קינדער.
איך האָב אײַך זייער ליב. איך וועל בענקען נאָך אײַך.

די קינדער ווערן זייער שטיל.
זיי קוקן אויף דעם לערער און זיי שווײַגן.

דער לערער זאָגט:

— מאָרגן וועל איך אײַך געבן נײַע ביכער.
אין דעם נײַעם בוך זײַנען דאָ אַ סך נײַע שיינע לידער.
אין דעם בוך זײַנען דאָ אַ סך שיינע מעשׂיות.
קומט מאָרגן אין שול. עס וועט זײַן
דער לעצטער טאָג אין דער ייִדישער שול.

דער יום־טובֿ פֿון לערנען

אין שול איז הײַנט אַ יום־טובֿ.
אויפֿן לערערס טיש זײַנען דאָ בלומען.
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יום־טובֿ?
הײַנט איז ניט דער יום־טובֿ חנוכּה.
עס איז ניט דער יום־טובֿ פּורים.
עס איז ניט דער יום־טובֿ פּסח.
עס איז שוין אויך נאָך דעם יום־טובֿ שבֿועות.
וואָס פֿאַר אַ יום־טובֿ איז הײַנט אין שול?
דער לערער שרײַבט אויפֿן טאָוול:
— הײַנט איז אַ יום־טובֿ.
דער יום־טובֿ פֿון שול,
דער יום־טובֿ פֿון לערנען.
נאָך דעם זאָגט דער לערער:
— קינדער, עס איז שוין אַ יאָר ווי איך לערן מיט אײַך.
איר זײַט געווען גוטע קינדער.
איר האָט ליב געהאַט צו קומען אין שול.
איר האָט ליב געהאַט דאָס לערנען.
איך האָב אויך ליב געהאַט צו קומען אין שול
און איך האָב ליב געהאַט צו לערנען מיט אײַך.
איר קענט שוין אַ ביסל לייענען ייִדיש.
איר קענט שוין אַ ביסל שרײַבן ייִדיש.
איר קענט שוין אַ ביסל ריידן ייִדיש.
איר קענט שוין זינגען ייִדישע לידער.
און איר ווייסט שוין אַ ביסל פֿון ייִדישע יום־טובֿים.
דער לערער קוקט אויף די קינדער און ער רעדט ווײַטער:
— אָבער איר קענט נאָך ניט שרײַבן ייִדיש זייער גוט.
איר קענט נאָך ניט לייענען ייִדיש זייער גוט.

איר קענט נאָך ניט גוט ריידן ייִדיש.
איר קענט נאָך ניט אַלע ייִדישע לידער.
און איר קענט נאָך ניט אַלע ייִדישע יום־טובֿים.
איר דאַרפֿט נאָך לערנען און לערנען . . .
דער לערער נעמט אַ בוך אין דער האַנט און ער זאָגט:
— אָט דאָס איז דאָס נײַע ייִדישע בוך.
דאָס בוך וועלן מיר לערנען דאָס צווייטע יאָר.
עס איז אַ גוט ייִדיש בוך.
איך וועל אײַך איצט געבן די נײַע ייִדישע ביכער.
די קינדער באַקומען די נײַע ביכער.
זיי זײַנען פֿריילעך און אומעטיק.
זיי זײַנען פֿריילעך, ווײַל זיי פֿאָרן באַלד אַוועק אין קעמפּ, אין וואַלד, אין פֿעלד.
זיי זײַנען אומעטיק, ווײַל זיי וועלן צען וואָכן ניט זען דעם לערער.
דער לערער זאָגט:
— נו, קינדער, לאָמיר איצט זינגען אַ שיין ייִדיש ליד.
די קינדער זינגען:

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

זאָגט־זשע, קינדערלעך,
געדענקט־זשע, טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט־זשע נאָך אַ מאָל
און טאַקע נאָך אַ מאָל:
קמץ־אַלף — אָ.

די קינדער זינגען נאָך אַ סך ייִדישע לידער.
נאָך דעם נעמען זיי די ביכער און די העפֿטן.
זיי גייען צו צו דעם לערער און זיי זאָגן:
— אַ גוטן טאָג, לערער!
— אַ גוט יאָר, לערער!
— האָט אַ פֿריילעכן זומער, לערער!
און דער לערער זאָגט:
— האָט אַ פֿריילעכן און אַ געזונטן זומער, קינדער.
איך וועל אײַך אַלע זען אין צווייטן קלאַס. זײַט געזונט!
— זײַט געזונט, קינדער!
— זײַט געזונט, לערער!

וואָקאַבולאַר

p. 3	**p. 3**	ז' 3
the	**di**	די
children	**kinder**	קינדער
go	**geyen**	גייען
in, to	**in**	אין
school	**shul**	שול
p. 4	**p. 4**	ז' 4
Motele (name)	**Motele**	מאָטעלע
goes	**geyt**	גייט
Gitele (name)	**Gitele**	גיטעלע
and	**un**	און
p. 5	**p. 5**	ז' 5
comes, to come	**kumt, kumen**	קומט, קומען
good morning	**gut-morgn**	גוט־מאָרגן
teacher	**lerer**	לערער
p. 6	**p. 6**	ז' 6
says, to say	**zogt, zogn**	זאָגט, זאָגן
all	**ale**	אַלע
the	**der**	דער
p. 7	**p. 7**	ז' 7
sings, to sing	**zingt, zingen**	זינגט, זינגען
to you	**aykh**	אײַך
everyone	**alemen**	אַלעמען
the, this	**dos**	דאָס
song	**lid**	ליד
p. 8	**p. 8**	ז' 8
is	**iz**	איז
a	**a**	אַ
Jewish	**yidishe**	ייִדישע
let's	**lomir**	לאָמיר
Yiddish (language)	**yidish**	ייִדיש
p. 9	**p. 9**	ז' 9
I	**ikh**	איך
know, can	**ken**	קען
sing	**zing**	זינג
am	**bin**	בין
child	**kind**	קינד
p. 10	**p. 10**	ז' 10
you	**ir**	איר
well, good	**gut**	גוט
to read, reads	**leyenen, leyent**	לייענען, לייענט
learns, to learn	**lernt, lernen**	לערנט, לערנען
p. 11	**p. 11**	ז' 11
read	**leyen**	לייען
very	**zeyer**	זייער
let there be	**zol zayn**	זאָל זײַן
a little	**a bisele**	אַ ביסעלע
quiet, silence	**shtil**	שטיל
p. 12	**p. 12**	ז' 12
it is	**es iz**	עס איז
like	**hob lib**	האָב ליב
happy	**freylekh**	פֿריילעך
who	**ver**	ווער

p. 13	**p. 13**	ז' 13
to	tsu	צו
to dance	tantsn	טאַנצן
to jump	shpringen	שפּרינגען
to laugh	lakhn	לאַכן
to make	makhn	מאַכן
p. 14	**p. 14**	ז' 14
home	aheym	אַהיים
take	nemt	נעמט
books	bikher	ביכער
tomorrow	morgn	מאָרגן
again	vider	ווידער
good-day, good-bye	a gutn-tog	אַ גוטן־טאָג
p. 15	**p. 15**	ז' 15
they	zey	זיי
good evening	gutn-ovnt	גוטן־אָוונט
mother	mame	מאַמע
see	ze	זע
have	hob	האָב
book	bukh	בוך
from	fun	פֿון
are	zayt	זײַט
p. 16	**p. 16**	ז' 16
us	undz	אונדז
to speak	reydn	ריידן
to hear	hern	הערן
songs	lider	לידער
p. 17	**p. 17**	ז' 17
also	oykh	אויך
little boy	yingele	יינגעלע
little girl	meydele	מיידעלע
herself	aleyn	אַליין
p. 18	**p. 18**	ז' 18
sit	zitst	זיצט
to write, writes	shraybn, shraybt	שרײַבן, שרײַבט
to take	nemen	נעמען
notebook(s)	heft(n)	העפֿט(ן)
not	nit	ניט
I don't have any	ikh hob nit keyn	איך האָב ניט קיין
gives	git	גיט
p. 19	**p. 19**	ז' 19
on the	oyfn	אויפֿן
blackboard	tovl	טאָוול
know how	kent	קענט
already	shoyn	שוין
a little	a bisl	אַ ביסל
becomes	vert	ווערט
full	fule	פֿולע
bowl	shisl	שיסל
p. 20	**p. 20**	ז' 20
with	mit	מיט
little children	kinderlekh	קינדערלעך
full	ful	פֿול
he	er	ער
new	nay	נײַ
p. 21	**p. 21**	ז' 21
gets (stands) up	shteyt oyf	שטייט אויף
nice, pretty	sheyn	שיין

to understand	farshteyn	פֿאַרשטיין
p. 22	p. 22	ז׳ 22
asks	fregt	פֿרעגט
to count	tseyln	ציילן
one	eyns	איינס
up to	biz	ביז
ten	tsen	צען
in Yiddish	oyf yidish	אויף ייִדיש
p. 23	p. 23	ז׳ 23
two	tsvey	צוויי
fast, faster	gikh, gikher	גיך, גיכער
in a row	in a rey	אין אַ ריי
four	fir	פֿיר
we	mir	מיר
six	zeks	זעקס
feet	fis	פֿיס
my	mayn	מײַן
father	tate	טאַטע
p. 24	p. 24	ז׳ 24
days	teg	טעג
week	vokh	וואָך
what	vos	וואָס
seven	zibn	זיבן
are	zaynen	זײַנען
brothers	brider	ברידער
p. 25	p. 25	ז׳ 25
works	arbet	אַרבעט
five	finf	פֿינף
yes	yo	יאָ
at home	in der heym	אין דער היים
does	tut	טוט
your	ayer	אײַער
tailor	shnayder	שנײַדער
p. 26	p. 26	ז׳ 26
sews	neyt	נייט
clothes	kleyder	קליידער
with what	mit vos	מיט וואָס
hands	hent	הענט
needle	nodl	נאָדל
thread	fodem	פֿאָדעם
p. 27	p. 27	ז׳ 27
this is the way	ot azoy	אָט אַזוי
really	dokh	דאָך
whole	gantse	גאַנצע
another	an ander	אַן אַנדער
hard	shver	שווער
scissors	sher	שער
at night	baynakht	בײַנאַכט
made	gemakht	געמאַכט
p. 28	p. 28	ז׳ 28
chairs	shtuln	שטולן
tables	tishn	טישן
shoes	shikh	שיך
must have	darfn hobn	דאַרפֿן האָבן
you	du	דו
houses	hayzer	הײַזער
walls	vent	ווענט
let (may) the	zoln zayn	זאָלן זײַן

strong, healthy	gezunt	געזונט
p. 29	p. 29	ז' 29
today	haynt	הײַנט
Friday	fraytik	פֿרײַטיק
Saturday	shabes	שבת
to sleep	shlofn	שלאָפֿן
longer	lenger	לענגער
if	az	אַז
lets	lozt	לאָזט
p. 30	p. 30	ז' 30
tells	dertseylt	דערציילט
story	mayse	מעשה
p. 31	p. 31	ז' 31
Feygele (name)	Feygele	פֿייגעלע
our	undzer	אונדזער
little sister	shvesterl	שוועסטערל
dress	kleydele	קליידעלע
clean	reyn	ריין
for	oyf	אויף
to the table	tsum tish	צום טיש
family	mishpokhe	משפּחה
p. 32	p. 32	ז' 32
at the	baym	בײַם
late	shpet	שפּעט
food, to eat	esn	עסן
khale, white bread	khale	חלה
fish	fish	פֿיש
world	velt	וועלט
p. 33	p. 33	ז' 33
in the morning	in der fri	אין דער פֿרי
o'clock, time	a zeyger	אַ זייגער
grandfather	zeyde	זיידע
grandmother	bobe	באָבע
both	beyde	ביידע
p. 34	p. 34	ז' 34
how are you?	vos makhstu?	וואָס מאַכסטו?
thank you	a dank	אַ דאַנק
things	zakhn	זאַכן
plays	shpilt zikh	שפּילט זיך
afterwards	nokh dem	נאָך דעם
p. 35	p. 35	ז' 35
to greet, welcome	bagrisn	באַגריסן
smiles	shmeykhlt	שמייכלט
p. 36	p. 36	ז' 36
shouts, cries out	shrayt oys	שרײַט אויס
Sunday	zuntik	זונטיק
Hanukkah	khanuke	חנוכּה
how many	vifl	וויפֿל
eight	akht	אַכט
p. 37	p. 37	ז' 37
small	kleyner	קליינער
dreydl, top	dreydl	דריידל
lead	blay	בלײַ
three	dray	דרײַ
take	nemen zikh far	נעמען זיך פֿאַר
dance	tants	טאַנץ
always	ale mol	אַלע מאָל
here	do	דאָ

in	arayn	אַרײַן
p. 38	p. 38	ז' 38
first	ershter	ערשטער
for	nokh	נאָך
money	gelt	געלט
opens	efnt	עפֿנט
door	tir	טיר
happy holiday	gut-yom-tev	גוט־יום־טובֿ
lights	tsindt on	צינדט אָן
candles	likht	ליכט
p. 39	p. 39	ז' 39
house	hoyz	הויז
warm	varem	וואַרעם
pancakes	latkes	לאַטקעס
small	kleyn	קליין
p. 40	p. 40	ז' 40
such a	aza	אַזאַ
receives, to receive	bakumt, bakumen	באַקומט, באַקומען
dear	tayer	טײַער
p. 41	p. 41	ז' 41
eighth	akhter	אַכטער
day	tog	טאָג
great, important	groyser	גרויסער
play	shpil	שפּיל
for, among	bay	בײַ
candles	likhtelekh	ליכטעלעך
nice	sheyner	שיינער
p. 42	p. 42	ז' 42
snow	shney	שניי
look	kukn	קוקן
white	vays(er)	ווײַס(ער)
cold	kalt	קאַלט
make happy	derfrey	דערפֿריי
p. 43	p. 43	ז' 43
lies	ligt	ליגט
answers	entfert	ענטפֿערט
bed	bet	בעט
little head	kepele	קעפּעלע
hurts	tut vey	טוט וויי
places, puts	leygt	לייגט
p. 44	p. 44	ז' 44
doctor	dokter	דאָקטער
throat	haldz	האַלדז
red	royt	רויט
will	vet, vel	וועט, וועל
medicine	meditsin	מעדיצין
nine	nayn	נײַן
p. 45	p. 45	ז' 45
how is	vos makht	וואָס מאַכט
better	beser	בעסער
to help	helfn	העלפֿן
to buy	koyfn	קויפֿן
bread	broyt	ברויט
to wash	vashn	וואַשן
dishes	teler	טעלער
p. 46	p. 46	ז' 46
Monday	montik	מאָנטיק
Tuesday	dinstik	דינסטיק

to iron	presn	פּרעסן
Wednesday	mitvokh	מיטוואָך
Thursday	donershtik	דאָנערשטיק
to clean	ramen	ראַמען
to rest	ruen	רוען
p. 47	p. 47	ז' 47
pat, caress	glet	גלעט
p. 48	p. 48	ז' 48
birthday	geburtstog	געבורטסטאָג
years	yor	יאָר
ask, invite	betn	בעטן
friends	fraynd	פֿרײַנד
uncle	feter	פֿעטער
Meylekh (name)	meylekh	מלך
p. 49	p. 49	ז' 49
arrived	gekumen	געקומען
your	dayne	דײַנע
to know	veysn	ווייסן
when, whenever	ven	ווען
tricks	kuntsn	קונצן
rhymes	gramen	גראַמען
p. 50-51	p. 50-51	ז' 50-51
eyes	oygn	אויגן
penny	peni	פּעני
shows	vayzt	ווײַזט
fine	fayn	פֿײַן
more	mer	מער
not here	nito	ניטאָ
p. 52-53	p. 52-53	ז' 52-53
begin	heybn on	הייבן אָן
falls	falt	פֿאַלט
tired	mid	מיד
to keep, stay	haltn zikh	האַלטן זיך
together	ineynem	אינאיינעם
riddle(s)	retenish(n)	רעטעניש(ן)
true	emes	אמת
now	itst	איצט
p. 54-55	p. 54-55	ז' 54-55
mouth	moyl	מויל
clock	zeyger	זייגער
stand	shtey	שטיי
place	ort	אָרט
gift, present	matone	מתנה
out	aroys	אַרויס
soon	bald	באַלד
little sled	shlitele	שליטעלע
good night	a gute nakht	אַ גוטע נאַכט
p. 56-57	p. 56-57	ז' 56-57
zoo	zu	זו
winter	vinter	ווינטער
bear	ber	בער
wall	vant	וואַנט
you are	bist	ביסט
heavy	shver	שווער
because	vayl	ווײַל
lion	leyb	לייב
monkey	malpe	מאַלפּע
high	hoykh	הויך

looks like	zet oys	זעט אויס
p. 58	p. 58	ז' 58
early	fri	פֿרי
to get up	oyfshteyn	אויפֿשטיין
kiss	kush	קוש
p. 59	p. 59	ז' 59
park	park	פּאַרק
to sleighride	zikh shlitlen	זיך שליטלען
hill	bergl	בערגל
sit down	zetsn zikh	זעצן זיך
gets up	heybt zikh oyf	הייבט זיך אויף
again	nokh a mol	נאָך אַ מאָל
p. 60	p. 60	ז' 60
remember	gedenkt	געדענקט
carpenter	stolyer	סטאָליער
bakes	bakt	באַקט
baker	beker	בעקער
p. 61	p. 61	ז' 61
in the day time	baytog	בײַטאָג
kneads	knet	קנעט
shoemaker, cobbler	shuster	שוסטער
p. 62	p. 62	ז' 62
half	halb	האַלב
sweet	zis	זיס
pastry, baker's ware	gebeks	געבעקס
old	alte	אַלטע
p. 63	p. 63	ז' 63
still	nokh alts	נאָך אַלץ
sick	krank	קראַנק
letter	briv	בריוו
words	verter	ווערטער
dear	libe	ליבע
paper	papir	פּאַפּיר
p. 64	p. 64	ז' 64
are you	bistu	ביסטו
Purim	purim	פּורים
you will	vestu	וועסטו
be	zayn	זײַן
p. 65	p. 65	ז' 65
king	meylekh	מלך
a fool	a nar	אַ נאַר
bad	shlekhtn	שלעכטן
man	man	מאַן
was	geven	געווען
hated	faynt gehat	פֿײַנט געהאַט
Jews	yidn	ייִדן
Esther	ester	אסתּר
to rejoice	freyen zikh	פֿרייען זיך
p. 66	p. 66	ז' 66
throw out	varf aroys	וואַרף אַרויס
me	mikh	מיך
p. 67-68	p. 67-68	ז' 67-68
disguised	farshtelt	פֿאַרשטעלט
therefore	derfar	דערפֿאַר
Mordecai	mordkhe	מרדכי
Haman	homen	המן
best	bester	בעסטער
gold	gold	גאָלד

crown	kroyn	קרוין
pleased	tsufridn	צופֿרידן
p. 69	p. 69	ז' 69
picture(s)	bild(er)	בילד(ער)
writer(s)	shrayber(s)	שרײַבער(ס)
Peretz	perets	פּרץ
p. 70	p. 70	ז' 70
field	feld	פֿעלד
little tree	beymele	ביימעלע
green	grine	גרינע
branch(es)	tsvaygele(kh)	צווײַגעלע(ך)
little bird	feygele	פֿייגעלע
shuts	makht tsu	מאַכט צו
little eyes	eygelekh	אייגעלעך
grows	vakst	וואַקסט
little apple	epele	עפּעלע
blessing	brokhe	ברכה
p. 71	p. 71	ז' 71
sun	zun	זון
shines	shaynt	שײַנט
spring	friling	פֿרילינג
back	tsurik	צוריק
Passover	peysekh	פּסח
joy	freyd	פֿרייד
people	mentshn	מענטשן
p. 72	p. 72	ז' 72
to bloom	blien	בליִען
flowers	blumen	בלומען
pick	rayst oys	רײַסט אויס
walk	shpatsir	שפּאַציר
p. 73	p. 73	ז' 73
Matzoh	matse	מצה
wine	vayn	ווײַן
carry	trogn	טראָגן
p. 74-75	p. 74-75	ז' 74־75
Seyder	seyder	סדר
Haggodah	hagode	הגדה
four questions	fir kashes	פֿיר קשיות
why	farvos	פֿאַרוואָס
different	andersh	אַנדערש
nights	nekht	נעכט
kitchen	kikh	קיך
give me	gib mir	גיב מיר
to drink	trinken	טרינקען
to bring	brengen	ברענגען
falls asleep	shloft ayn	שלאָפֿט אײַן
queen	malke	מלכּה
cup, goblet	bekher	בעכער
drank	getrunken	געטרונקען
the prophet Elijah	eliyohu hanovi	אליהו הנבֿיא
p. 76-77	p. 76-77	ז' 76־77
to visit	tsu gast	צו גאַסט
nuts	nis	ניס
heard	gehert	געהערט
country	land	לאַנד
Israel	yisroel	ישׂראל
goes, rides	fort	פֿאָרט
to	keyn	קיין

sad	umetik	אומעטיק
only	nor	נאָר
to fly	flien	פֿליִען
airplane	eroplan	עראָפּלאַן
airfield	fli-feld	פֿלי־פֿעלד
away	avek	אַוועק
everyone hurries	me loyft	מע לויפֿט
up	aroyf	אַרויף
higher	hekher	העכער
p. 78	p. 78	ז' 78
yesterday	nekhtn	נעכטן
many	a sakh	אַ סך
danced	getantst	געטאַנצט
streets	gasn	גאַסן
sang	gezungen	געזונגען
p. 79-80	p. 79-80	ז' 79־80
guest	gast	גאַסט
black	shvartse	שוואַרצע
hair	hor	האָר
cousin	kuzine	קוזינע
far away	vayt	ווײַט
from where	fun vanen	פֿון וואַנען
Argentina	argentine	אַרגענטינע
what is your name ?	vi heystu?	ווי הייסטו ?
knew	gevust	געוואוסט
p. 81	p. 81	ז' 81
Shevues	shevues	שבֿועות
decorates	putst oys	פּוצט אויס
herbs, foliage	grins	גריִנס
Torah	toyre	תּורה
p. 82	p. 82	ז' 82
to remain	blaybn	בלײַבן
always	shtendik	שטענדיק
you should	zolstu	זאָלסטו
obey, listen to	folgn	פֿאָלגן
word	vort	וואָרט
friend	khaver	חבֿר
Moses	moyshe rabeynu	משה רבינו
to live	lebn	לעבן
p. 83	p. 83	ז' 83
mothers' day	muters-tog	מוטערס־טאָג
cries, to cry	veynt, veynen	וויינט, וויינען
before	frier	פֿריִער
prettiest	shenste	שענסטע
p. 84	p. 84	ז' 84
once	a mol	אַ מאָל
was called, name was	geheysn	געהייסן
smart	klug	קלוג
called	gerufn	גערופֿן
to lose	farlirn	פֿאַרלירן
each	yede	יעדע
minute	minut	מינוט
stores	kromen	קראָמען
looks for	zukht	זוכט
without	on	אָן
p. 85-86	p. 85-86	ז' 85־86
breakfast	frishtik	פֿרישטיק
ready	greyt	גרייט

room	tsimer	צימער
gets	krigt	קריגט
rings	klingt	קלינגט
puts, sets	shtelt avek	שטעלט אַוועק
p. 87	p. 87	ז׳ 87
as much	azoy fil	אַזוי פֿיל
same	glaykh	גלײַך
open	ofn	אָפֿן
window	fentster	פֿענצטער
stars	shtern	שטערן
p. 88	p. 88	ז׳ 88
once	eyn mol	איין מאָל
kindergarten	kinder-gortn	קינדער־גאָרטן
knocks	klapt	קלאַפּט
busy	farnumen	פֿאַרנומען
p. 89-90	p. 89-90	ז׳ 89־90
coats	mantlen	מאַנטלען
hot	heys	הייס
summer	zumer	זומער
no one	keyner nit	קיינער ניט
camp	kemp	קעמפּ
Canada	kanade	קאַנאַדע
water	vaser	וואַסער
to swim	shvimen	שווימען
truly	oyf an emes	אויף אַן אמת
to miss	benken	בענקען
are silent	shvaygn	שווײַגן
last	letster	לעצטער
p. 91-93	p. 91-93	ז׳ 91־93
what kind of a	vos far a	וואָס פֿאַר אַ
further	vayter	ווײַטער
second	tsveyte	צווייטע
woods	vald	וואַלד
fireside, hearth	pripetshik	פּריפּעטשיק
burns	brent	ברענט
small flame	fayerl	פֿײַערל
room	shtub	שטוב
teacher	rebe	רבי
Jewish alphabet	alef-beys	אַלף־בית
class	klas	קלאַס

אַ וואָרט פֿונעם מחבר

עס איז דער אָנגענעמער חובֿ פֿון דעם מחבר צו דאַנקען אַ ריי פּערזאָנען פֿאַר דער הילף וואָס זיי האָבן אים געגעבן בײַם צונויפֿשטעלן דאָס בוך.

אין דער ערשטער ריי קומט אַ דאַנק דעם בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג ז. יעפֿרויקין פֿאַר זײַן כּסדרדיקער דערמוטיקונג, אַז איך זאָל זיך די אַרבעט אונטערנעמען. אָן זײַן דערמוטיקונג און אָן זײַנע עצות וואָלט דאָס בוך ניט געקענט דערשײַנען. איך דאַנק די חבֿרים־לערערס ת. בערנשטיין, דוד בערעזער, מ. וולאַדקאָווסקי, י. לאַזאַרסאָן, י. זילבערבערג, ב. צ. גאָלד און ש. ד. זינגער פֿאַר אויפֿמערקזאַם לייענען דעם מאַנוסקריפּט און פֿאַר זייערע וויכטיקע אָנווײַזונגען; דעם קאָמפּאָזיטאָר מיכל געלבאַרט פֿאַר שרײַבן מוזיק צו אַ ריי לידער, וואָס קומען אַרײַן אין דעם בוך און אויך

פֿאַר אויפֿנעמען די מוזיק פֿון די אַנדערע לידער און צוגרייטן זיי צום דרוק; דער מאָלערין אילה גאָרדאָן פֿאַר די פֿײַנע און אָריגינעלע צייכענונגען; דעם קינסטלער פּרץ קאַמינסקי וואָס אונטער זײַן אויפֿזיכט איז דאָס בוך געזעצט און געדרוקט געוואָרן; מײַן פֿרוי חנה גאָרדאָן־מלאָטעק פֿאַר צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק און פֿאַר דער זאָרגעוודיקער קאָרעקטור, און אַחרון, אַחרון — מײַן רעדאַקטאָר יודל מאַרק, וואָס האָט די גאַנצע צײַט פֿון מײַן אַרבעט אויף דעם בוך, אַרויסגעוויזן צו מיר אָן אַ שיעור פֿרײַנדשאַפֿט, האָט אָפּגעגעבן אַ סך צײַט און איז מיט מיר ממש מיטגעגאַנגען האַנט־בײַ־האַנט פֿונעם ערשטן צעטל פֿון בוך ביזן סאַמע לעצטן וואָרט.

צום סוף וויל איך דאַנקען דעם פּעדאַגאָגן־ראַט פֿון אַרבעטער־רינג פֿאַר רעקאָמענדירן דאָס בוך און דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן.

איך האָף אַז דאָס בוך צוזאַמען מיטן אַרבעט־בוך פֿון יודל מאַרק וועט העלפֿן דער ייִדישער שול איבער גאָר דער וועלט און דעם ייִדישן לערער אין זײַן שליחות נעענטער צו ברענגען דאָס ייִדישע קינד צום ייִדישן וואָרט און צו ייִדישע ווערטן.

מאַטעריאַלן פֿון אַנדערע מחברים, אויסגענוצט אין דעם בוך

אין דעם בוך זײַנען אויסגענוצט געוואָרן אַ צאָל שאַפֿונגען פֿון ייִדישע שרײַבערס. חוץ די שרײַבערס וואָס זייערע נעמען ווערן אָנגעגעבן איבער די לידער, וואָס זײַנען געדרוקט צום סוף פֿונעם אַרבעטסבוך, זײַנען נאָך אויסגענוצט געוואָרן:

קומט אַלע אין שול — לויט י. קאַמינסקי
דער טאַטע, די מאַמע און איך — פֿון י. קאַמינסקי
זיבן גוטע ברידער (ערשטער פּערז) — נחום יוד
פֿייגעלע איז ניט געזונט — לויט מ. אַליצקי
לידער פֿון זו — מ. אַליצקי
אַכט אַ זייגער — ב. סמאַליאַר
בערל לעקער — לויט ב. סמאַליאַר
פּסח אָוועק — מ. ריוועסמאַן
פֿאָלג דײַן טאַטע־מאַמע — נחום ווײַסמאַן
נאָר אַ מאַמע — דוד איינהאָרן
מאַמע־טאָג — ש. צעסלער
דער יום־טובֿ פֿון לערנען — לויט י. קאַמינסקי
אויפֿן פּריפּעטשיק — מ. מ. וואַרשאַווסקי

איבער דעם וואָס דאָס בוך איז געבויט אויף אַ קאָנטראָלירטן וואָקאַבולאַר (אַן ערך 450 ווערטער), האָט דער צונויפֿשטעלער געמוזט, אין געוויסע פֿאַלן, בײַטן ווערטער און אויסדרוקן, וואָס וואָלטן געווען צו שווער פֿאַרן קינד. איך בעט די מחברים זיי זאָלן דאָס פֿאַרשטיין און מוחל זײַן.